STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02076

DER ""FORVERTS"" UN DER ""BUND""

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער „פאָרווערטס“
און דער „בונד“

ארויסגעגעבן פון

בונדישן קלוב אין ניו יאָרק

1935.

פאָרוואָרט פון די ארויסגעבער

צוליב וועלכן צוועק גיבן מיר ארויס אָט די בראָשורע? ניט זיך אָנצונעמען פאַר'ן „בונד". ער דאַרף עס ניט. מיר ווילן אָבער, אַז מען זאָל זיך דאָ לערנען פון „בונד", אַראָפּנעמען פון אים אַ ביישפּיל. דאָס איז אונזער צוועק.

געווען אַמאָל אַ צייט, און נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, ווען מען האָט זיך אין אַמעריקאַנער אידישע סאָציאַליסטישע קרייזן גערעכנט מיט'ן „בונד". דער „בונד" איז ארויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ מוסטער פון אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַר אַ ביישפּיל פון סאָציאַליסטישער אויסגעהאַלטנקייט און גאַנצקייט.

וואָס האָט אָבער פּאַסירט, אַז גראָד דאָרטן, וואו מען פלעגט שטענדיג וויסן צו דערציילן בלויז שבחים וועגן „בונד", האָט מען אים גאָר אָנגעפאַנגען אַטאַקירן און פּונקט ווי מען פלעגט אַמאָל אויף אים אַ שלעכט וואָרט ניט לאָזן זאָגן, לאָזט מען איצט אויף אים אַ גוט וואָרט ניט זאָגן?

האָט זיך דער „בונד" אַזוי שטאַרק געענדערט אין די לעצטע עטלאכע יאָר? איז ער אַנדערש געוואָרן ווי ער איז פריער געווען?

אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט'ן „בונד" ווייסן, אַז דער „בונד" האָט אין די לעצטע עטלאכע יאָר ניט געביטן זיין ליניע, איז ניט אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער ריכטונג, פאַר וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן, האָט ניט געמאַכט קיין שפּרונגען ניט רעכטס און ניט לינקס, נאָר איז געגאַנגען ווי פריער אין זיין מאַרקסיסטישן סאָציאַליסטישן וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעטראָטן אין דעם משך פון צענדליגער יאָרן רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן.

בלויז איין וויכטיגע ענדערונג איז פֿאָרגעקומען אין דעם לעבן פֿון „בונד" פֿאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר — ער איז אריינגעטראָטן אין סאָציאַליסטישן ארבעטער אינטערנאַציאָנאַל, פֿון וועלכן ער האָט זיך מערערע יאָרן געהאַלטן פֿון וויטן. אָבער דאָס האָט זיכער דאָך ניט געקענט זיין קיין אורזאַך פֿאַר דער פֿיינדשאַפט, וואָס מען האָט אים אָנגעפאַנגען ארויסווייזן דאָרטן וואו מען האָט פֿאַר אים פֿריער געהאַט נאָר פֿריינטשאַפט.

און מיר ווילן דאָס וואָרט „פֿריינטשאַפט" אונטערשטרייכן. עס איז ניט קיין פֿראַגע פֿון קריטיק, פֿון מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, נאָר פֿון פֿיינטלאַכע אטאַקעס, פֿון אראָפּרייסן, פֿון פֿאַרדרייען און פֿעלשן פֿאַקטן.

פֿון וואַנען נעמט זיך אָט די פֿיינטשאַפט? וואָס איז איר אורזאַך?

די אורזאַך דאַרף מען זוכן ניט אין „בונד", נאָר אין זיינע אָנגרייפֿער. ניט דער „בונד" האָט זיך געענדערט, נאָר זיי. דער סאָציאַליזם און די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט פֿון „בונד" פֿון וואָס זיי האָבן אַמאָל געשעפּט באַגייסטערונג, איז זיי היינט געוואָרן דערווידער. עס איז ניט בלויז אויסגעלאָשן געוואָרן אין זיי זייער רעוואָלוציאָנערע נשמה, נאָר עס האָט אין אַלגעמיין אויסגעוועפּט זייער סאָציאַליזם. און זיי האָבען פֿיינט דעם „בונד", ווייל ער איז געבליבן אויך היינט ביי זיין רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם פֿון אַמאָל.

עס איז דאָך ניט מער ווי בייזוויליגקייט און פֿאַרביסענע פֿיינטשאַפט צו קומען צו דעם אידישן לעזער אין אַמעריקע און אים דערציילן וועגן דער קליינער צאָל מיטגלידער פֿון „בונד" און וועגן זיין שוואַכן איינפֿלוס צווישן די אידישע ארבעטערמאַסן.

דער מער אָדער ווייניגער אינטעליגענטער אידישער לעזער אין אַמעריקע, ווען מען דערציילט אים, אז דער „בונד" פֿון פּוילן האָט בלויז 7,000 גוטשטייענדע מיטגלידער, קען ניט טראַכטן, אז די צאָל איז אַזאַ קליינע, ווי דער בונדיסטיש־פֿיינטלאַכער שרייבער וויל מאַכן אויף אים דעם איינדרוק. אין נעגנטייל, ער וועט גיכער באַוואונדערן וואָס די צאָל איז אַזאַ

גרויסע, עס איז פֿאַר אים ניט נויטיג נאָכצוזוכן און אויסצוגעפֿינען, אַז די ווירקלאַכע צאָל מיטגלידער פֿון „בונד“ איז פֿיל גרעסער ווי 7 טויזנט, ווי ח׳ עהרליך באַווייזט עס. ער דאַרף אויך ניט וויסן, אַז דער „בונד“ האָט אַ וואונדערלאַכע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרמאָגט צען טויזנט מיטגלידער. עס איז פֿאַר אים גענוג צו בלייבן ביי דער צאָל 7 טויזנט און ער וועט זיך זאָגן: אויב אָט אין דעם אָרימען לאַנד פּוילן, וואו די צאָל אידישע אַרבעטער איז בערך אַ קליינע און וואו זייערע פֿאַרדינסטן זיינען אַזעלכע מיזעראַבל־אָרימע, אַז עס איז אַפֿילו ניט גענוג אויף אַ הונגער־לעבן, דאָך געפֿינען זיך דאָרט 7 טויזנט, וואָס קענען ביי זיך פּועל׳ן אָפּצושפּאָרן דאָס ביסן פֿון מויל און צאָלן צו זיין אַ מיטגליד אין „בונד“, דאַן מוז די מאָראַלע ווירקונג פֿון „בונד“ און זיין צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַר די אידישע אַרבעטער זיין אַ וואונדערלאַכע.

אָט פֿאַרגלייכט עס טאַקע מיט אַמעריקע. אין דער שטאָט ניו יאָרק אַליין זיינען פֿאַראַן מער אידישע אַרבעטער, ווי אין גאַנץ פּוילן, און ווי שלעכט עס זאָל איצט ניט זיין די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, איז זיי דאָך אַ סך לייכטער אָפּצושפּאָרן פֿון זיך אַ פֿאַר דאָלאַר פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווי פֿאַר דעם אידישן אַרבעטער אין פּוילן אַ פֿאַר גראָשן, און דאָך וויפֿיל גוטשטייענדע סאָציאַליסטישע מיטגלידער זיינען פֿאַראַן צווישן די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע? — אַפֿילו ניט אַ פֿערטל פֿון 7 טויזנט.

און ווי קען איינער ריידן אָדער שרייבן וועגן „בונד“ און ניט דערמאָנען די וואונדערלאַכע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“ וואָס ציילט צען טויזנט מיטגלידער?

און ווער ווייס נאָך וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיגע באַדייטונג די יוגנט האָט פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווי מיר, אידישע סאָציאַליסטן, דאָ אין אַמעריקע? מיר ווייסן עס בעסער ווי אַלע אַנדערע, ווייל אונז פֿעלט זי. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט פֿאַרלאָרן איר שוואונג, איר רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און איז געוואָרן קאָנסערוואַטיוו און פֿאַרגליווערט, ווייל זי האָט ניט קיין יוגנט.

און ווען איינער איז ניט בייזוויליג פיינטלאך צום „בונד" קען ער דאָך אויך ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז דער „בונד" געפינט זיך איצט ווייט ניט אונטער גינסטיגע באַדינגונגען אין דער איצטיגער פוילן אין אַלגעמיין און אין דער איצטיגער אידישער פוילן באַזונדערס. עס איז גאָר ניט אַזוי באַקוועם צו באַלאַנגען אין דער איצטיגער האַלב פאַשיסטישער פוילן צו אַזאַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי דער „בונד". און עס פאָדערט זיך אַ גרויסע מאָס סאָציאַליסטישע אויסגעהאַלטנקייט און באַוואוסטזיין אין דער איצטיגער אידישער פוילן ניט פאַרטראָגן צו ווערן מיט דעם ציוניסטישן און נאַציאָנאַליסטישן שטראָם, וואָס האָט זיך דאָרט אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעגאָסן, צוליב דער איצטיגער פאַרצווייפלטער אידישער לאַגע.

דער „בונד" האָט אַלע מאָל געזאָגט די אידישע אַרבעטער און די אידישע פאָלקס־מאַסן, אַז די אידישע פראַגע מוז געלייזט ווערן דאָרטן וואו די אידן זיינען און אַז דער ציוניזם קען ניט געבן און וועט ניט געבן קיין ענטפער אויף דער אידישער פראַגע, ווייל די 16 אָדער 17 מיליאָן אידן, וואָס געפינען זיך אין די אַזוי גערופענע גלות לענדער, מוזן דאָרטן בלייבן גאַנץ גלייך וואָס די ציוניסטן זאָלן דאָרטן ניט אויפטאָן אין פאַלעסטינע. און דער „בונד" זאָגט עס אויך היינט, אָבער די שטים פון די פאַלשע נביאים שרייט איצט העכער. דער „בונד" האָט אַלע מאָל באַקעמפט דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט געזוכט טיפער צו מאַכן דעם תהום צווישן איד און גוי, און ער האָט געזוכט איינצופלאַנצן ביי די אידישע מאַסן די אידייע און דעם געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אַז זיי מוזן פאַרבינדן זייער גורל מיט די אַרבעטער פון אַלע אַנדערע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, ווייל דאָס איז זייער איינציגע לייזונג אַלס אַרבעטער און אַלס אידן און ער זאָגט זיי דאָסזעלביגע אויך היינט. אָבער היינט איז דאָס שווערער, ווייל די מגפה פון נאַציאָנאַליזם בושעוועט איצט פיל שטאַרקער.

און מיר ווילן דעריבער, אַז די אידישע אַרבעטער דאָ אין

אמעריקע זאָלן וויסן דעם אמת וועגן „בונד"; זאָלן וויסן וועגן זיין שווערן קאמף, וועגן זיין סאָציאַליסטישער אויסגעהאַלטנ־קייט, וועגן זיין רעוואָלוציאָנערן קאמפסמוט און זיי זאָלן זיך לערנען פון אים. זאָל ער זיי דינען פאר א ביישפיל ווי צו האלטן הויך און ריין די סאָציאַליסטישע פאָן און אומדרעשראָקן אָנפירן דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן קאמף.

***

דער ארטיקל פון חבר ערליך, „דער פאָרווערטס און דער בונד" איז פריער געווען געדרוקט אין דער „נייער פאָלקסצייטונג", טעגלאכער אָרגאַן פון „בונד" אין פוילן, פון 28־טן אפריל, 1935, אונטערן נאָמען „דער פאָרווערטס וועגן זעקסטן צוזאמענפאָר פון בונד". צו דער פאָרגעלייגטער בראָשור האָט חבר ערליך ספּע־ציעל דעם ארטיקל איבערגעמאכט, אויסגעברייטערט און צוגע־געבן א סך נייע אינטערעסאנטע פאקטן און איינצלהייטן. צוליב דעם ווען די לעזער, וועלכע האָבן חבר ערלאך'ס ארטיקל גע־לעזן אין דער „נייער פאָלקסצייטונג" מיט גרויס אינטערעס איצט עם קאָנען לייענען נאָך אמאָל.

חבר אבראַמאָוויטש'ס ארטיקל, „דער בונד אין פוילן", איז געווען געדרוקט אין „וועקער", פון 27־טן אפריל, 1935. מיר דרוקן דעם ארטיקל, אָן וועלכע ס'איז ענדערונג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען מיט א פאָר באַמערקונגען אין אים ניט איינשטימיג.

חבר אבראַמאָוויטש זאָגט אין דעם פאָרגעלייגטן אר־טיקל: „איך אליין בין מיט די פירער פון פוילישן „בונד" זייער אָפט נישט מסכים אין וויכטיקע פאָליטישע פראגן" און, אז אים קומט אויך אוים מיט זיי צו פאָלעמיזירן. צוליב דעם, און אפשר אויך צוליב אנדערע סיבות (דער ארטיקל איז, ווי מיר זיינען חושד, צום אָנהויב געשריבן געוואָרן פאר'ן „פאָר־ווערטס", וואו חבר אבראַמאָוויטש איז א מיטארבעטער. נאָר דער „פאָרווערטס"־רעדאקטאָר, אב. קאהאַן, האָט זיך אנטזאגט אים צו דרוקן) איז די פאָרם און די שפּראַך פון דעם ארטיקל נישט קיין שארפע, א מער איינגעהאלטענע, ווי פון איינעם,

וואָס אידענטיפיצירט זיך אין גאנצן מיט'ן „בונד" אין פּוילן. דער אַרטיקל באַווייזט אָבער, אַז אפילו די, וועלכע זיינען מיט'ן „בונד" אין פּוילן נישט איינשטימיק, אויב זיי זיינען נאָר ער־לאַכע סאָציאַליסטן, ווי חבר אבראַמאָוויטש, קאָנען נישט טאָ־לערירן די פּאָלעמישע מעטאָדן קעגן „בונד", וואָס ווערן באַ־נוצט אין „פאָרווערטס" פון דעם רעדאַקטאָר און איינינע פון זיינע מיטאַרבעטער.

בונדישער קלוב אין ניו יאָרק.

די בונדישע דעמאָנסטראַציע אין ווארשא פון 1טן מאַי, 1935. — אויפ'ן בילד זעט מען (פון רעכטס צו לינקס): וויקטאָר אַלטער, ה. ערליך, ש. מענדעלסאָן, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, מ. אַרושעך און אַנדערע (די גרופּע אַרום דער פאָן).

ה. ערליך:

דער „פאָרווערטס" און דער „בונד"

דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס" האַלט נישט פון „בונד". ער איז נישט דער איינציגער: פונ'ם „בונד" האַלטן נישט אַלע רעכטע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער זיין רעכט הייסט נישט דאָס זעלביגע, ווי זיין פּרינציפּלאָז, זיין בייזוויליג. דעריבער זיינען אַפילו צווישן די רעכטע אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל פאַראַן אַ סך, וואָס — הגם זיי באַקעמפן ביטער די שטעלונג פון „בונד" — באַציען זיי זיך צו אים מיט אַכטונג פאַר זיין אויסגעהאַלטנקייט, פאַר זיין אַרבעט. אָבער אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז נישט פאַראַן קיין צייטונג, וואָס זאָל זיין אַזוי רעכט, אַזוי פּרינציפּלאָז, אַזוי פאַרבאַלעבאַטישט און קאָנסערוואַטיוו, ווי דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס" איז. און ס'איז נישט פאַראַן קיין צווייטע אַרבעטער־צייטונג אין דער וועלט, וואו עס זאָל הערשן אַזאַ הפקרות, וואו די בייזוויליגקייט פון אַ יחיד זאָל זיין אין אַזאַ מאָס דעציזירנדיג פאַר דער ריכטונג פון דער צייטונג, ווי דאָס איז דער פאַל מיט'ן ניו יאָרקער „פאָרווערטס".

דעריבער איז ווייניג צו זאָגן, אַז דער „פאָרווערטס" האַלט נישט פון „בונד": דער „פאָרווערטס" באַציט זיך צום „בונד" דירעקט מיט שנאה. דעריבער איז אויך דער „אינטערעס", וועלכן עס ווייזט אַרויס צו אונזער באַוועגונג דער „פאָרווערטס", אַ גאַנץ ספּעציפישער, אַ דורך און דורך בייזוויליגער. דאָס איז לעצטנס גאַנץ באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער אינ־פאָרמאַציע און אין דער אָפּשאַצונג, וועלכע ס'האָט געגעבן זיינע לעזער דער „פאָרווערטס" וועגן דעם 6טן צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי.

צו „באַרבעטן" די טעמע האָבן גענומען אויף זיך ד. שוב און יעקב לעשציגסקי.

ד. שוב שרייבט אויפ'ן גרונט פון די באריכטן פון דער „פּאָלקסצייטונג". ער נעמט, הייסט דאָס, זיינע ידיעות פון דער ערשטער קוועלע. און ד. שוב איז, נאַטירלאַך, אַ דזשענטלמען. דאָס וועלן באַשטעטיגן אַלע, וואָס קענען אים. ד. שוב וועט נישט פעלשן קיין ציטאַטעס. אָבער ד. שוב איז אַ געניטער זשורנאַליסט און קען די קונץ פון צוזייפשטעלן ציטאַטעס, פון „צופיקסן" און „צופעפערן" זיי מיט אַ שטאָך־ווערטל, מיט אַן איבעריק וואָרט.

אַ פּאָר ביישפּילן:

אינ'ם ציפער־באַריכט פון בונדישן צ. ק. איז געזאָגט געוואָרן, אַז „פון 1טן מאַי 1933 ביז איצט זיינען פון דער פּאַרטיי ארויסגעפאַלן 154 מיטגלידער". האָט ד. שוב צו דער דאָזיגער ציטאַטע צוגעגעבן דאָס קליינטשיקע ווערטל „בלויז": „בלויז" פון ערשטן מאַי 1933 א. א. וו.

איר פילט, נאַטירלאַך, די כוונה: דאָס ווערטל דאַרף באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז אונזער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט „אַנטלויפט מאַסנהאַפט" פון דער פּאַרטיי דער בעסטער באַוויז, אַז — „בלויז פון ערשטן מאַי 1933" זיינען פון דער פּאַרטיי ארויסגעפאַלן 154 מיטגלידער". אָבער אַזוי ווי שוב האָט נישט גענומען די ווערטער אין גענצן־פּיסלאַך, אַזוי ווי דאָס זיינען כלומר'שט זיינע אייגענע ווערטער, וועט אים דאָך קיינער חלילה נישט קאָנען פאַרוואַרפן, אַז ער פעלשט ציטאַטעס...

אַז שוב'ס כוונה איז — אַ „גוטע", אָבער אַן אומגעלומפּערטע, דאָס האָט געקאָנט באַמערקן יעדער אויפמערקזאַמער לעזער פון „פאָרווערטס" אַליין. סך הכל מיט אַ צען שורות העכער דערציילט ער, אַז אין יאָר 1929 האָט די צאָל מיטגלידער פון „בונד" אויסגעמאַכט 7590, און אַז שפּעטער, ווען די פּאַרטיי האָט איינגעפירט מיטגליד־קאַרטן, זיינען די קאַרטן אויסגעקויפט געוואָרן אין דער צאָל פון צוועלף טויזנט. אויב פון אָט דער צאָל, אָדער אפילו פון דער פריערדיגער, זיינען

ארויסגעפאלן 154 מיטגלידער, איז עס נאך, הייסט דאס, מיט דעם „אנטלויפן" נישט אזוי געפערלאך.

אבער ד. שוב, וועלכער האט זיך אנגעכאפט אין דער ציפער 154, האט, פארשטייט זיך, צוליב איבערפלוס אין זשור־נאליסטישער „געוויסנהאפטיגקייט", נישט דערציילט זיינע לעזער, וואו די 154 זיינען אהינגעקומען, כאטש דאס איז אויך גע־שטאנען אין באריכט. אז 23 פון די 154 זיינען ארויסגעפארן קיין אויסלאנד; אז 43 האבן זיך איבערגעטראגן אין אנדערע שטעט און זיינען דעריבער בלויז פארמעל אויסגעמאלדן געווארן פון זייערע ארגאניזאציעס (23 פון די 43 זיינען געווארן מיט־גלידער אין די שטעט, אין וועלכע זיי זיינען אריבערגעפארן); אז 57 זיינען פון אקטיווע פארטיי מיטגלידער געווארן סימפא־טיקער; אז 13 זיינען אויסגעשלאסן געווארן פאר דיסציפלין־ברוך (פארגעסט נישט, אז די באריכט־צייט נעמט ארום א פעריאד פון זעקס יאר!); אז 6 מיטגלידער זיינען אוועק דינען אין מיליטער, 5 זיינען געשטארבן, און זיבן זיינען אוועק צו אנדערע פארטייען (פון וועלכע עס איז צו אונז געקומען פאר דער צייט נישט אן ערך מער) — וועגן דעם אלעמען האט שוב זיינע לעזער נישט דערציילט. פאר זיי, האלט ער, וועט זיין גענוג, אז „בלויז פון 1טן מאי 1933 זיינען פון דער פארטיי ארויסגעפאלן 154 מיטגלידער".

א צווייטער ביישפיל. „אין אלגעמיין האט זיך די יוניאן־באוועגונג צווישן די אידישע ארבעטער אין פוילן פאר די לעצטע יארן פארקלענערט" — באריכטעט שוב, אין הסכם מיט'ן אמת, זיינע לעזער. ער „פארגעסט" בלויז דערביי צו באריכטן, אז דאס איז נישט קיין ספעציפיש אידישע דערשיינונג, און אז צווישן די פוילישע ארבעטער (שוין אפגערעדט וועגן די דייטשע) האט זיך די פראפעסיאנעלע באוועגונג פאר דער בא־ריכט־צייט אין א סך א גרעסערער מאס פארקלענערט, איידער צווישן די אידישע.

„וועגן דער באציאונג צום סאציאליסטישן אינטערנאציא־נאל, — שרייבט שוב, — איז (אויפ'ן צוזאמענפאר) מיט 65 שטימען נעגן 35 באשלאסן געווארן צו פארבלייבן אין אינטער־

נאציאָנאַל, נאָר „בויערן פון אינעווייניג" און אַרבעטן מיט אַלע כחות צו פאַרשטאַרקן דעם לינקן פליגל פון אינטער־נאַציאָנאַל.

פרעגט נישט ביי שוב'ן, פון וואַנען ער האָט גענומען די ווערטער „בויערן פון אינעווייניג". ער וועט אייך ענטפערן, אַז דאָס זיינען ביי אים נישט קיין געוויינלאַכע גענזן־פיסלאַך, וועלכע מען שטעלט דאָן, ווען מען ציטירט פרעמדע ווערטער, נאָר איראָנישע גענזן־פיסלאַך. און אויב דער לעזער וועט זיך נישט כאַפּן און מיינען, אַז דאָס איז יאָ אַ ציטאַטע, אַז אַזוי האָט טאַקע באַשלאָסן דער 6טער צוזאַמענפאָר פון „בונד", איז . . . אודאי גוט.

שוב גיט איבער דעם אינהאַלט פון דער דעבאַטע, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר סיי אַרום דעם באַריכט פון צ. ק., סיי וועגן דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, סיי וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער מ'דאַרף זען, ווי אַזוי ער טוט דאָס!

ווי אַזוי די מיטגלידערשאַפט פון „בונד" באַציט זיך צו איר פּאַרטיי־פירונג, דאָס וויסן נישט נאָר בונדיסטן, דאָס וויסן אין פוילן אַלע. „הלואי אויף אונז געזאָגט!" — טראַכטן אונזערע געגנער. אַז נישט געקוקט אויף די חילוקי־דעות אין אונזערע רייען, איז שווער צו געפינען אַ צווייטע פּאַרטיי אין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל זיין אינערלאַך אַזוי פעסט און געשלאָסן, ווי דער „בונד" — דאָס איז אויך נישט קיין סוד. אָבער דער „בונד" איז אַ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער „בונד" איז דאָס אייגנס פון יעדן בונדיסט. און ווען מיר, בונדיסטן, קומען זיך צונויף אויף אַ צוזאַמענפאָר, רעדט זיך יעדער איינער אַראָפּ אַלץ, וואָס ער האָט אויפ'ן האַרץ. און ווען עמיץ, אַ בייזווילינער, קומט און קלויבט זאָרגפעלטיג צונויף פון אַ דריי־טאָגיגער דעבאַטע פון אונזערם אַ צוזאַמענפאָר יעדע קריטישע באַמערקונג, יעדן אויסדרוק פון באַרעכטיגטער אָדער אומבאַ־רעכטיגטער אומצופרידנקייט, יעדן צווייפל אין דער ריכטיגקייט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער שריט, פון דער אָדער יענער שטעל־לונג, — דאַן מוז זיך באַקומען אַ בילד פון שלימזל'דיגקייט,

פון צעפּאַרנקייט, פון אומגליובן, וואָס „צעפּרעסן" די פּאַרטיי.

אַט דאָס איז טאַקע געווען די אויפגאַבע, וועלכע ס'האָט זיך געשטעלט שוב, און אַזוי האָט ער זי טאַקע אויסגעפירט — אין פולן הסכם מיט זיין אַזוי גענאַנטן „פּאָליטישן און זשור־נאַליסטישן געוויסן"...

און דער אויספיר, צו וועלכן עס קומט שוב, איז:

„דער צוזאַמענפאָר האָט קיין נייע וועגן פאַר'ן „בונד" נישט אָנגעצייכנט. אַלעס איז געבליבן ביים אַלטן. דער צוזאַמענפאָר האָט נישט געגעבן קיין ענטפער אויף די פראַגן „פון די אַרבעטסלאָזע און הונגערנדע אידישע מאַסן", וואָס זאָל נישט נאָר שוין אויפ'ן שטעל, נאָר אַפילו אין דער נאָענטער צוקונפט פירן צו ממשות'דיגע רעזולטאַטן.

„זאָגן, אַז די אידן־פראַגע אויף דער גאַנצער וועלט קען און וועט געלייזט ווערן נאָר דאַן, ווען עס וועט אומעטום איינגעפירט ווערן אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, מיינט הייסן די אידישע אַרבעטער וואַרטן אויף אַ משיח'ן, וועלכער וועט קיינמאָל נישט קומען, און ווען ער וואָלט געקומען, וואָלט ער געווען דער גרעסטער אומגליק פאַר אַלעמען און פאַר די אידן, פילייכט, מער ווי פאַר אַלע אַנדערע פעלקער . . . "

אַט צו וואָס פאַר אַן אומזין (כדי נישט צו זאָגן מער) בלינדע בייזוויליגקייט קאָן דערפירן אַ מענשן! דער צוזאַמענ־פאָר פון „בונד", — זאָגט שוב, — האָט נישט געגעבן קיין ענטפער אויף די פראַגן פון די אַרבעטסלאָזע און הונגעריגע אידישע מאַסן (פאַרוואָס נעמט עפּעס שוב די דאָזיגע ווערטער אין גענזן־פיסלאַך? וואָס באַדייט דאָ זיין „פיינע איראָניע"?), וואָס זאָל „אויפ'ן שטעל" אָדער וויניקסטנס „אין דער נאָענטער צוקונפט" פירן צו ממשות'דיגע רעזולטאַטן. ד. שוב איז דאָך עפּעס אַ „ספּעץ" אין פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער־באַוועגונג. טאָ אפשר וואָלט ער אָנגעוויזן די לעזער פון „פאָרווערטס", וועלכע אַרבעטער־פּאַרטיי אין דער וועלט פאַרמאָגט עס אין דער איצטיגער צייט פון האָפנונגסלאָזן קריזיס, ביי דער ממשלה פון קאַפּיטאַליסטישע, און ווער שמועסט שוין

פאשיסטישע פארטייען, א רעצעפּט, ווי אזוי „אויפ'ן שטעל" אָדער „וויינינגסטנס אין דער נאָענטער צוקונפט" אָנצוזעטיגן די ארבעטסלאָזע און הונגעריגע מאסן? אדרבא — וועלכע פּארטיי?

אז אין די לענדער פון פאשיסטישער ממשלה איז דאָס פריער פאר אלץ א מאכט־פראגע, א פראגע פון באזייטיגן דעם פאשיסטישן רעזשים — דאָס איז קלאָר. אָבער נעמט אפילו די אזוי גערופענע דעמאָקראטישע לענדער: מיט וואָס פאר אן אנדער רעצעפּט קומען צו זייערע מאסן די ארבעטער־פארטייען פון פראנקרייך, שווייץ און אפילו ענגלאנד, אחוץ — „העלפט אונז קומען צו דער מאכט, וועלן מיר אייך ברענגען א רפואה אויף אייערע מכות"?

אָבער — דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין דער פראגע: דיק־טאטור און דעמאָקראטיע. און ווען אזא הונדערט פּראָצענ־טיגער „פאָרווערטסיסט", ווי ד. שוב איז, שטויסט זיך אָן אין דער דאָזיגער פראגע, הויבט ער אָן רעדן מיט דער שפּראך פון ניו יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל" אָדער פונ'ם וואַרשאַווער אָרגאַן פונ'ם געוועזענעם רבי'ן — „דאָס אידישע טאָגבלאַט".

אונזער צוזאמענפאָר האָט נישט אָנגעצייכנט קיין נייע וועגן פאר'ן „בונד" — דאָס איז ריכטיג. דעם וועג, וועלכן דער „פאָרווערטס" האָט געפונען — נישט פאר זיך און נישט פאר „זיינע" אידן, נאָר פאר די „אָרימע ברידער פון איסט־יוראָפּ" — דעם וועג קיין ציון, האָט אונזער צוזאמענפאָר נישט געפונען. אָבער דערמיט מוז שוין ד. שוב שלום מאכן: דעם וועג האָט נישט געפונען דער 6טער צוזאמענפאָר פון „בונד", אים וועט נישט געפינען אויך אונזער 24טער צוזאמענפאָר.

* * *

אָבער ד. שוב איז, ווי באוואוסט, אַלעמאָל געווען אונזערס א „גוטער פריינט". אמאָל האָט ער זיין ביטערע געגנערשאפט צום „בונד" געמוזט האמעווען, היינט איז ער דערפון פטור, היינט — פארקערט — קאָן ער דינען קאהאנען גראָד מיט זיין

געגנערשאפט צום „בונד". האט ער זיך פאנאנדערגעשפּילעט און זיך אראפּגערעדט פון הארץ.

אָבער, אַלס מענש, וואָס איז נישט „באַלאַסטעט" אין דער פארגאנגענהייט מיט סימפּאַטיעס צום „בונד", האט ער באוויזן צו בלייבן אין געוויסע ראַמען.

אַנדערש מיט יעקב לעשצינסקי'ן. יעקב לעשצינסקי איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ הייסער פריינט פון „בונד". אויב ער האָט קיין בונדישע מיטגליד־קאַרטע אין קעשענע נישט געהאַט, האָט ער אָבער אָפן און ביי יעדער געלעגנהייט דעמאָנסטרירט זיין סימפּאַטיע און דרך־ארץ צום „בונד" און געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז הגם ער האָט געוויסע פאַרבאַהאַלטן בנוגע דער שטעלונג פון „בונד", איז פונדעסטוועגן דער „בונד" פון אַלע אידישע פאַרטייען די איינציגע, וואָס איז אים נאָענט.

און ווען יעקב לעשצינסקי האָט גענומען „רעווידירן" זיין שטעלונג און דרך אגב צופּאַסן זי צו דעם נייעם קורס, וועלכן ס'האָט איינגעשטעלט אין „פאַרווערטס" לגבי דעם „בונד" אב. קאַהאַן, האָט ער דאָס, פאַרשטייט זיך, געמוזט מאַכן אַ סך „גרינטלאַכער" איידער שוב. איז עס טאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט אויך זיין איצטיגן „דזשאָב" אויסגעפירט אָן אַ פאַרגלייך בייזוויליגער און געמיינער, איידער דאָס האָט געקאָנט טאָן אפילו שוב.

יעקב לעשצינסקי איז געווען אַמאָל אַ ציוניסט־סאָציאַליסט. זיין גלויבן אין ציוניזם האָט ער מיט דער צייט פאַרלוירן און — גאַנץ גרינטלאַך. פון זיינע יונגנט־יאָרן זיינען ביי אים פאַרבליבן שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, אָבער ער האָט זיך מיט ביידע פיס געשטעלט אויפ'ן באָדן פון „גלות". זיינע סטאַטיס־טישע און היסטאָרישע פאָרשונגען האָבן אים געבראַכט צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז נאָר דאָרט, וואו די אידישע מאַסן לעבן, קאָנען זיי פאַרבעסערן זייער לאַגע. און די פיל־יאָריגע באַאָבאַכטונג פון פּאָליטישן לעבן האָט אים געלערנט, אַז נאָר דורך אַן ענגן צוזאַמענבונד מיט'ן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט פון די אומות העולם וועלן די אידישע מאַסן דערגרייכן זייער אויסלייזונג.

דאָס האָט לעשצינסקי׳ן געבראַכט צום „בונד״, כאָטש דער „בונד״ איז פאַר אים שטענדיג געווען אי צו „לינק״, אי צו וויניג „נאַציאָנאַל״.

די היטלער־איבערקערעניש האָט פאַרוואַנדלט לעשצינסקי׳ן אין איינעם פון יענע צעטומלטע, פאַרלוירענע אידישע באַלע־בעסלאַך, וועלכע מ׳קאָן היינט אין אַזאַ גרויסער צאָל באַגעגענען אין דער וועלט. יעקב לעשצינסקי האָט אָנגעוואוירן דעם גלויבן אין אַלץ: אין סאָציאַליזם, אין אינטערנאַציאָנאַליזם, אין רעוואָ־לוציע, אין פּאָליטישן קאַמף בכלל. סיי פאַר׳ן גאַנצן פּראָלע־טאַריאַט, סיי באַזונדערס פאַר די אידישע מאַסן.

„דער גלויבן פון די מאַסן, — שרייבט ער, — אין דער אויסלייזונג דורך פּאָליטישע מעשים איז שטאַרק דער־שיטערט געוואָרן. (יעדער „געוועזענער מענש״ האָט די טבע אונטערצואוואַרפן דער „מאַסע״ דעם אומגלויבן פון זיין אייגענער אויסגעלידיגטער נשמה — ה. ע.). באַזונדערס שטאַרק איז געפאַלן דער גלויבן ביי די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן נישט איין רעוואָלוציע און האָבן איבערגעלעבט נאָר טיפע אנטויי־שונגען. זיי האָבן געזען, אַז זיין אַ שותּף ביים פאַרגיסן בלוט אין קאַמף גאַראַנטירט נאָך וואַיט נישט קיין חלק אין די אויסגעקעמפטע רעזולטאַטן. זיי פילן צו שטאַרק דעם דרוק און שטורם פון די פעלקער, וועלכע זיי האָבן אליין געהאָלפן באַפרייען; און זיי פאַרשטייען צו גוט, אַז מען קען זיצן אויפ׳ן פאָרנדן וואָגן גאַנץ פאָרנט און ביים אָנקומען אויפ׳ן אָרט ווערן אָפּגעשליידערט גאַנץ ווייט הינטן, מען קאָן אַפילו זיצן אויף דער קעלנע און אָנטרייבן די פערד און צום סוף אַראָפּגעוואָרפן ווערן אינגאַנצן פון וואָגן. און דאָס האָט דאָך טאַקע געטראָפן מיט די אידישע מאַסן אין פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, און האָט געמוזט מאַכן אַ קאַלאָסאַלן איינדרוק אויף זיי.

ס׳איז געוואָרן אויך שווערער צו שטעלן דעם טראָפּ אין אידישן לעבן אויף די לאָקאַלע אינטערעסן, אויף דער

אָפּהענגיגקייט פון גורל פון גאַנצן לאַנד, אויף דער אָרגאַ־
נישער צוזאַמענהעפטקייט מיט די ארומיגע מאַסן".

עס איז, ווי איר זעט, צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אַלץ. עס איז געבליבן בלויז איין זאַך: אַנטלויפן! אַנטלויפן, וואו דער פּעפּער וואַקסט. ווער עס האָט איבערגעלעבט די יאָרן 1907—1910, די יאָרן פון צוזאַמענברוך פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע, דער געדענקט, אַז בוכשטעבלאַך דאָס זעלביגע האָבן דאַן גערעדט די רעאַקציאָנערסטע פאַרשטייער פונ'ם אידישן בירגערטום. און די מפּלה פון 1933 איז דאָך נישט אַן ערך ערנסטער און שמערצלאַכער, איידער די מפּלה פון 1907.

פּונקט ווי יעדער אָפּהענטיקער, צעקראָכענער קליין־בירגער, איז יעקב לעשצינסקי גרייט זיך אַ צוק צו טאָן פאַר'ן . . . קאָמוניזם:

„די אַלטע לאָזונגען פון פּאָליטישן קאַמף, — זאָגט ער, — האָבן פאַרלוירן אי זייער ווערט, אי זייער חן אין די אויגן פון די מאַסן.

לעבעדיג זיינען געבליבן די ריין־סאָציאַליסטישע לאָ־זונגען, אָבער נאָר אין זייער ראַדיקאַלסטער פאָרם. און דאָ האָט דער „בונד" אַ געפערלאַכן קאָנקורענט, וואָס האָט דערוויזן אין אַן אַנדער לאַנד, אַז ער קען גיכער מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע — די קאָמוניסטן".

לעשצינסקי'ס פאַרבויגן זיך פאַר'ן קאָמוניזם ווערט, פאַר־שטייט זיך, קיין מענש נישט נעמען ערנסט. דאָס זאָגט ער אַזוי בלויז, אויף „צעפּיקעניש" דעם „בונד". אויב ער פאַר־מאָגט היינט יאָ אַ שטיקל גלויבן, אויב עס איז פאַראַן אין דער גרויסער וועלט עפּעס, וואָס צעוואַרעמט אים, איז עס — ציון, כאָטש ער רופט דאָס קינד נישט אַן ביים נאָמען:

„דאָס אידישע לעבן האָט באַקומען אַנדערע צענטרען, אַנדערע שווערפּונקטן, אַנדערע טענדענצן" . . .

און ביי אָט די „אָביעקטיווע" (!) באַדינגונגען, — שרייבט יעקב לעשצינסקי, — דאַרף פאַר דעם לעזער פון „פאָרווערטס" ווערן

„קלאָר, פאַרוואָס דער „בונד" איז אַ יורד, אַ געפאַלענער, אַז נישט נאָר פאַרנעמט ער נישט מער דעם אויבנאָן אין אידישן לעבן, ווי אין די אַמאָליגע צייטן, נישט נאָר שטייט ער נישט אין סאַמע צענטער פון אידישן לעבן און אַלץ און אַלע מוזן זיך מיט אים רעכענען, ווי נאָך גאָר נישט לאַנג, נאָר ער איז פאַררוקט געוואָרן אין אַן ענג געסל, אין אַ שמאָל ווינקעלע פון אידישן לעבן און מען פילט אים ווייניג און אַפילו הערן הערט מען אים ווייניג".

אַז אַב. קאַהאַן סמאַקעוועט לעשצינסקי'ס אַרטיקל און ער האַלט, אַז דער אַרטיקל איז „גלענצנד", איז קיין וואונדער נישט: „דיזע" סחורה וועגן „בונד" דאַרף ער טאַקע האָבן. אָבער וואָס האָט געטראַכט, שרייבנדיג זיין פאַמפלעט, יעקב לעשצינסקי? ער לעבט דאָך אין איראָפּע, ער וואוינט דאָך אין פוילן.

וועגן דער אַמאָל אַזוי מעכטיגער אַרבעטער־באַוועגונג פון דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע (סיי דער סאָציאַליסטישער, סיי דער קאָמוניסטישער) הערט מען היינט אין יענע לענדער אַ סך ווייניגער, איידער מ'הערט אין פוילן וועגן „בונד". אָבער ווער, אחוץ אויסגעשפּראָכענע שוואַרץ־מאה'ניקעס, קאָן וואַגן צו רעדן וועגן יענע באַוועגונגען אין אַזאַ טאָן, ווי עס דערלויבט זיך צו רעדן וועגן „בונד" יעקב לעשצינסקי?

אונזער 6טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז זיך צונויפגעקומען קנאַפּע ניין חדשים נאָכדעם, ווי אין אַ גרויסער צאָל גרעסערע (אחוץ וואַרשע) און קלענערע שטעט פון פוילן זיינען פאָרגעקומען וואַלן צו די אָרטיגע שטאָט־ראַטן. די וואַלן זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן אויפ'ן גרונט פון אַ באַדייטנדיג פאַרערגערטן וואַל־געזעץ: עס האָב אָנגעוואָרן זייער וואַל־רעכט אַלע בירגער אין עלטער צווישן 21 און 24 יאָר; עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייע וואַל־געאָמעטריע, וואָס האָט זייער שטאַרק פאַרקלענערט די פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבעטער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; די קאַנדידאַטן האָבן געמוזט אַדורכמאַכן אַן אויסערגעוויינלעך שטרענגן עקזאַמען פון דער פוילישער שפּראַך, וועלכער איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס מיטל

צו באזייטיגן „אומגעווינשטע" קאנדידאטן. דערצו איז צוגעקומען די „נארמאלע" הפקרות פון דער מאכט. אין 32 שטעט זיינען אונזערע קאנדידאטן־ליסטעס איינגאנצן געפסליט געווארן; אין 17 שטעט זיינען אויפ'ן גרונט פון „עקזאמען" פון די „באשטעטיגטע" ליסטעס אויסגעשטראכן געווארן אלע אדער א טייל קאנדידאטן. אין קוטנע, למשל, האבן מיר באקומען שטימען אויף דריי מאנדאטן, אבער אין שטאט־ראט האבן מיר בלויז איין ראטמאן, ווייל מער ווי איין קאנדידאט איז נאך דעם „עקזאמען" אויף דער ליסטע נישט געבליבן...

און נישט געקוקט אויף דעם אלעמען, האבן מיר אפגעהאלטן א גלענצנדיגן וואל־נצחון. דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט זיך באטייליגט אינ'ם וואל־קאמף אין צוויי גרעסערע שטעט: ביאליסטאק און לובלין. עס איז געווען א פרייד צו רעדן דארט אויף אונזערע פיל־טויזנט־קעפיגע מיטינגען. עס איז געווען א נחת צו זען, ווי די אידישע ארבעטס־מענשן האבן עקשנות'דיג געקעמפט פאר זייער רעכט צו שטימען פאר'ן „בונד".

איך בין געווען צומארגנס נאך די וואלן אין ביאליסטאק — די גאנצע שטאט איז געווען אונטער'ן איינדרוק פון אונזער וואל־נצחון (זעקס מאנדאטן. אין לובלין האבן מיר באקומען פיר ראטמענער — מער זיינען קיין קאנדידאטן נאך דעם עקזאמען אויף דער ליסטע נישט געבליבן; אין קאלושין האבן מיר פיר מאנדאטן, אלע אידישע בירגערלאכע פארטייען צוזאמען — פינף; אין קרינקי: מיר — דריי, און דאס גאנצע אידישע בירגערטום — אויך דריי; אין בעלפאטאוו: מיר — פיר, דאס גאנצע אידישע בירגערטום — דריי; אין נאווידוואר: מיר — פיר, דאס גאנצע אידישע בירגערטום — צוויי; אין פיאטרקאוו: מיר — פיר, דאס גאנצע אידישע בירגערטום — גארנישט!

אין קיין איינער פון די אנגערופענע שטעט האבן די פועלי ציון — נישט די רעכטע, נישט די לינקע — נישט אדורכגעפירט קיינעמען!

אנטקעגן אונזערע 92 מאנדאטן האבן די רעכטע פועלי ציון, וואס זיינען איצט אזוי נאנט צום הארצן פון יעקב לעש־

די בונדישע מיליץ

צינסקי, אדורכגעפירט 16, און דאָס — הויפּטזעכלאַך אין קליינ־טשיקע שטעטלאַך, אָן אַן אַרבעטער־באַפעלקערונג.

ווי נאָר די אידישע מאַסע איז געקומען צום וואָרט, האָט זי אונז אויסגעדריקט איר צוטרוי. דאָס האָבן געמוזט מודה זיין אפילו אונזערע פאַרביסנסטע געגנער. איבעריגנס אַנערקענט דאָך יעקב לעשצינסקי אַליין (און שטרייכט דערמיט פּאַקטיש איבער אַ גרויסן טייל פון זיין אַרטיקל!), אַז די לעצטע שטאָט־ראַט־וואַלן האָבן אונז געבראַכט „אַ גאָר גרויסן דערפאָלג".

און דאָך אונטערליגט עס נישט קיין צווייפל, אַז אין אַל־געמיין „הערט מען" היינט אין פּוילן טאַקע ווייניגער וועגן „בונד", איידער מ'האָט געהערט פריער. ווייל — „מען הערט" היינט אין פּוילן אַ סך ווייניגער וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. און דער „בונד" איז אַ טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיין גורל איז אויפ'ן ענגסטן אופן צונויפגעבונדן מיט'ן גורל פון דער גאַנצער באַוועגונג.

יאָ — מ'הערט היינט ווייניגער וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל אַזוי איז די צייט, אין וועלכער מיר לעבן. אָבער ווער, אחוץ פּאַשיסטן אָדער אויסגעהוילטע נשמות, און כאַ־ראַקטערלאָזע קאַפּע־אינטעליגענטן וועט, פּנים אל פּנים מיט דער פּוילישערווירקלאַכקייט, וואַגן צו רעדן מיט ביטול וועגן דער „ירידה" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון פּוילן?

* * *

אַלס פּראָמינענטער סטאַטיסטיקער, פּרואווט אָבער יעקב לעשצינסקי „מיט ציפערן אין דער האַנט" באַווייזן די „ירידה" פון „בונד".

„דער „בונד", — שרייבט ער, — האָט געהאַט אין גאַנץ פּוילן אין יאָר 1934 7000 מיטגלידער און וואַל־באַרעכטיגטע צום צוזאַמענפאַר ווייניגער אַ פּאָר הונדערט. פּוילן פאַרמאָגט פון 300 ביז 350 טויזנט אידישע פּראָ־לעטאַריזירטע אינטעליגענץ, אַ גרויסע אָרימע, אַרבעטנדיגע מאַסע, און 7000 מיטגלידער איז אַביסל צו ווייניג פאַר אַ אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי".

די ערשטע פראגע, וואס מוז אנטשטיין ביים לייענען די דאזיגע שורות, איז: פון וואנען האט לעשצינסקי גענומען די ציפער — 300 ביז 350 טויזנט אידישע פראלעטאריער?

לויט דער אפיציעלער פוילישער סטאטיסטיק, זיינען אין פוילן פאראן עלף הונדערט טויזנט ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואס זיינען באשעפטיגט אין מלוכה׳שע און קאמונאלע אונטערנעמונגען, און א מיליאן מיט 217 טויזנט ארבעטער און אנגעשטעלטע אין דער פריוואטער אינדוסטריע און האנדל. פון אט דער לעצטער ציפער פאלט אוים 520 טויזנט אויף האנטווערקעריי, באלופניקעריי און קליין־אינדוסטריע.

ס׳איז קלאר, אז די אידישע פראלעטאריער איז נישטא וואס צו זוכן אין די עלף הונדערט טויזנט, וועלכע עס באשעפטיגט די מלוכה און די קאמונאלע אנשטאלטן. איד וועט זיי אויך נישט געפינען אין דער גרוים־אינדוסטריע. זיי געפינען זיך טיילווייז אין דער מיטל־אינדוסטריע און דער עיקר — אין דער לעצטער פון די אנגערופענע ציפערן, אין די 520 טויזנט. אויב מיר וועלן זאגן, אז פון אט דער ציפער פאלט אוים א דריט־חלק אויף אידישע ארבעטער, וועט דאס זיין גיכער צו פיל איידער צו ווייניג. טא פון וואנען האט לעשצינסקי פארט גענומען די ציפער פון קנאפע 350 טויזנט אידישע פראלעטאריער?!

און דאן וועגן די 7000 מיטגלידער פון „בונד". אזוי ווייט ווי מיר ווייסן, האט לעשצינסקי, שרייבנדיג זיין ארטיקל, געהאט פאר זיך דעם באריכט פון אונזער צ. ק. און אויב ער באצייכנט פארט די צאל מיטגלידער פון אונזער פארטיי אויף 7000, דאן זאגט ער באוואוסטזיניג און בייזוויליג נישט אמת!

אט וואס עס שטייט וועגן דעם אינ׳ם באריכט פון אונזער צ. ק.:

„צום 4טן צוזאמענפאר האבן מיר געציילט 7590 מיטגלידער. קיין צענטראלע פארטיי־לעגיטימאציעס זיינען נאך אבער נישט געווען, און במילא איז דער באגריף „מיטגליד" געווען לויזער ווי היינט... גלייך נאכ׳ן 4טן צוזאמענפאר זיינען איינגעפירט געווארן די צענטראלע פארטיי־לעגיטימאציעס. אויסגעקויפט די ערשטע (רויטע) לעגיטימאציעס

האָבן 12000 מיטגלידער. ווי מיר זעען, איז די צאָל מיט־גלידער אינמיטן דער באַריכט־צייט אויסגעוואַקסן אַ דאַנק די עטלאַכע ווערביר־אַקציעס.

„אין מאַי 1933 הויבט זיך אָן די איבעררעגיסטראַציע פון דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט. די אַלטע פּאַרטיי־לעגי־טימאַציעס ווערן אַנולירט און פאַרביטן אויף נייע (גרינע). ביז'ן 1טן סעפּטעמבער 1934, ווען ס'איז אָפּגעשלאָסן גע־וואָרן דאָס אַרויסגעבן נייע לעגיטימאַציעס (צוליב דעם צוזאַמענפאָר — ח. ע.), זיינען אויסגעטוישט געוואָרן 7000 רויטע לעגיטימאַציעס אויף גרינע...

„נאָך דעם 1טן סעפּטעמבער 1934 זיינען שוין אָנ־געקומען נייע ווענדונגען וועגן גרינע לעגיטימאַציעס פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס. זיי וועלן דערליידיגט ווערן נאָכ'ן צוזאַמענפאָר".

פון אָט דער ציטאַטע איז קלאָר, אַז 7000 דאָס איז די צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער פון „בונד", וואָס האָבן ביז'ן 1טן סעפּטעמבער 1934 באַוויזן צו בייטן זייערע רויטע לעגיטימאַ־ציעס אויף גרינע און זיינען דעריבער געווען באַרעכטיגט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צום צוזאַמענפאָר. פאַר וואָס אונ־זער צ. ק. שטעלט אָפּ ערב דעם צוזאַמענפאָר דעם צופלוס פון וואַל־באַרעכטיגטע פּאַרטיי־מיטגלידער, איז קלאָר. ערב יעדן צוזאַמענפאָר קומט פאָר אין אונזער פּאַרטיי אַ זייער הייסער אידייאישער שטרייט. און מיר אַלע, אָן אונטערשייד פון ריכ־טונג, ווילן נישט שטעלן די פּאַרטיי־מיטגלידער פאַר'ן נסיון, צו פּרוּאַן פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס אינ'ם אינערלאַכן שטרייט דורך דעם, וואָס זיי וועלן אַריינפירן נייע וואַל־באַרעכ־טיגטע אין דער פּאַרטיי.

געוויינלאַך ווערט דער צופלוס פון נייע מיטגלידער אָדער פון וואַל־באַרעכטיגטע אָפּגעשטעלט אַן ערך דריי חדשים פאַר'ן צוזאַמענפאָר, ווען די דיסקוסיע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, ווען אין דער פּאַרטיי איז נאָך „רואיג". אונזער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין פעברואַר, אָבער ער האָט געזאָלט פאָר־

קומען אין דעצעמבער, און דעריבער איז דאָס ארויסגעבן גדינע לעגיטימאַציעס אָפּגעשטעלט געוואָרן אין סעפּטעמבער.

וואַל־באַרעכטיגטע זיינען אַזוי ארום געווען בלויז 7000 מיטגלידער, אָבער עס זיינען, אחוץ זיי, פאַראַן אין דער פּאַרטיי טויזנטער מיטגלידער, וואָס האָבן ביז׳ן 1טן סעפּטעמבער די נייע לעגיטימאַציעס נישט ארויסגענומען און טוען דאָס זייט דעם 1טן סעפּטעמבער כסדר. ס׳איז דעריבער אַ בפירוש׳ע פעלשונג צו באַצייכענען די צאָל מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי אויף 7000.

דאָס איז איינס. און איצט — צוויי. ווער עס וויל מיט ציפערן מעסטן די גרויס פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון „בונד”, דער דאַרף צו דער עפעקטיווער צאָל פון אונזערע פּאַרטיי־מיטגלידער צורעכענען די מיטגלידערשאַפט פון אונזער יוגנט־בונד „צוקונפט”, וועלכער איז פּאַקטיש אַ באַשטאַנד־טייל פון אונזער פּאָליטישער באַוועגונג. די מיטגלידערשאַפט פון די איבעריגע אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן איז אין איר מערהייט זיכער נישט עלטער, איידער די מיטגלידערשאַפט פון אונזער „צוקונפט”. און די „צוקונפט” ציילט קנאַפּע צען טויזנט מיטגלידער.

אָבער ווייל מיר האָבן גרעסערע השגות, זיינען מיר גרייט מסכים צו זיין מיט לעשצינסקי׳ן, אַז דאָס אַלץ איז צו ווייניג. מיר דאַרפן אויסברייטערן אונזער אָרגאַניזאַציע, מיר דאַרפן געווינען נייע טויזנטער מיטגלידער סיי פאַר דער פּאַרטיי, סיי פאַר דער „צוקונפט”.

אָבער דאָס איז אונזער זאַך. ווען אַ זייטיגער קומט רעדן וועגן אונזער באַוועגונג, און דערצו נאָך אַ מענש, וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַ גאָר גרויסן סטאַטיסטיקער, דאַן דאַרף ער געדענקען וועגן דעם עלעמענטאַרן כלל, אַז ציפערן האָבן נישט קיין אַבסאָלוטן ווערט, אַז זייער אמת׳ע באַדייטונג ווערט קלאָר ערשט דאַן, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט אַנדערע ציפערן פון דעמזעלביגן מין. מיט אַנדערע ווערטער: ווער עס וויל רעדן וועגן דער פּאָליטישער אָרגאַניזירטקייט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן, דער מוז האָבן אין אויג די פּאָליטישע אָרגאַ־

ניזירטקייט פונ׳ם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד. לאָמיר־זשע אדורכפירן אין דעם פּרט אַ פאַרגלייך צווישן „בונד" און דער גרעסטער פּאַרטיי פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט — דער פּ. פּ. ס.

בעת די סיים־וואַלן פון מערץ 1928, האָט דער „בונד" באַקומען וואַרשיינלאַך ארום 120,000 שטימען. (די צאָל שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן דעמאָלט פאַר די אידישע בירגערלאַכע ליסטעס, האָט אויסגעמאַכט ארום 300 טויזנט). מיר זאָגן „וואַרשיינלאַך", ווייל בעת יענע וואַלן האָבן מיר אין אַ דריי וואַל־קרייזן געשטימט פאַר פּ. פּ. ס., און אין איין וואַל־קרייז האָט פּ. פּ. ס. אָפּגעגעבן אירע שטימען פאַר אונז. קיין גענויע סטאַטיסטיק פון יענע וואַלן קאָנען מיר דעריבער נישט האָבן.

פּ. פּ. ס. האָט בעת יענע וואַלן באַקומען אָנדערטהאַלבן מיליאָן שטימען, ד. ה. — אַן ערך צוועלף מאָל אַזויפיל, ווי מיר.

לויט די דאָזיגע ציפערן וואָלט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז די צאָל אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־מיטגלידער פון פּ. פּ. ס. איז פילפאַך גרעסער, ווי ביי אונז, און אַז די פאַרשפּרייטונג פון איר פּרעסע איז אַ באַדייטנדיג גרעסערע. אין דער אמת׳ן אָבער איז די פאַרשפּרייטונג פון דער „פּאָלקסצייטונג" זיכער נישט קיין קלענערע און אפילו אַ גרעסערע, איידער די פאַרשפּרייטונג פון „ראָבאָטניק". און הגם די מיטגלידער־צאָל, מיט וועלכער די פּ. פּ. ס. פיגורירט ביים אינטערנאַציאָנאַל, איז דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי אונזערע, איז זי אין דער אמת׳ן זייער נאָענט צו אונזערער.

אין די וואַלן צום 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָבן זיך באַטייליגט אין וואַרשע קנאַפּע זעכצן הונדערט פּאַרטיי־מיטגלידער. זאָגט יעקב לעשצינסקי: „עס איז ווייניג". פון אונזער שטאַנדפּונקט איז דאָס טאַקע נישט קיין ספק. אָבער צי ווייסט לעשצינסקי, אַז די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. פאַרמאָגט אין וואַרשע ווייניגער מיטגלידער, ווי מיר?

און דאָס דאַרף דאָך לעשצינסקי זיכער וויסן, אַז אין די וואַלן צום 16טן צוזאַמענפאָר פון דער „גרויסער", „נאַציאָנאַלער" ציוניסטישער פּאַרטיי האָבן זיך אין וואַרשע באַטייליגט 1100 (עלף הונדערט) פּאַרטיי־מיטגלידער?

די בונדישע יוגנט מאַרשירט. — אַ דעמאָנסטראַציע-צוג מיט דער בונדישער מיליץ פאָראויס.

די ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" פאַרמאָגט פאָרמעל קנאַפּע הונדערט מיטגלידער. שרייט לעשצינסקי, מסתמא אויס גרויס פריינטשאַפט: „עס איז ווייניק!" מסכים. אָבער יעקב לעשצינסקי קען ביאַליסטאָק און ווייס, וואָס פאַר א ראָל עס שפּילט אינ'ם לעבן פון דער דאָזיגער שטאָט די קליינע בונדישע אָרגאַניזאַציע. וועגן אונזער לעצטן וואַל־נצחון אין ביאַליסטאָק האָב איך געשריבן אויבן. און לעשצינסקי ווייס אויסגעצייכנט (ווי לאַנג איז עס דען, אַז ער איז געווען דער גאַסט פון אונזערע ביאַליסטאָקער חברים?), אַז אונזער קליינע אָרגאַניזאַציע פירט פאַקטיש אָן מיט אַלע עקאָנאָמישע קאַמפן פון גאַנצן ביאַליסטאָקער פּראָלעטאַריאַט — אידישן און נישט־אידישן. און ער ווייס, ווי גרויס ס'איז די קולטור־אַרבעט, וועלכע ס'טוט אין ביאַליסטאָק אונזער אָרגאַניזאַציע.

געוויס איז 12,000 מיטגלידער פאַר'ן „בונד" אין פּוילן אויך נישט קיין סך. אָבער איינער פון די מאָטיוון (נישט דער איינציגער), צוליב וועלכע די פירער פון פּ. פּ. ס. מיידן אויס אַוועקצושטעלן די פראַגע וועגן א פולער פאַראייניקונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן, איז די מורא, אַז די צאָלמעסיגע ווירקונג פון „בונד" אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי וואָלט געווען א צו גרויסע.

צי ווייסט וועגן דעם אַלעם יעקב לעשצינסקי? אָדער האַלט ער, אַז שרייבנדיק פאַר'ן „פאָרווערטס" וועגן „בונד", איז ער מחויב צו זאָרגן בלויז וועגן איין זאַך, נעמלאַך — אַז דער אַרטיקל זאָל זיין אין א גענוגנדער מאָס אַנטי־בונדיש, און דאָס איבעריגע איז נישט אַזוי וויכטיג?

* * *

די פּאָליטישע אָרגאַניזירטקייט פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן איז, הייסט דאָס, נישט קלענער איידער ביי די פּוילישע אַרבעטער, נאָר פאַרקערט — באַדייטנדיג גרעסער. להיפוך צו דעם, וואָס עס שרייבט לעשצינסקי, באַציט זיך דאָס זעלביגע צו דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירטקייט פון די אידישע אַרבעטער.

„ס'איז פאַראַן א לעגענדע, — שרייבט לעשצינסקי, —

אַז די אידישע אַרבעטער זיינען מער געווערקשאַפטלאַך אָרגאַניזירט. עס איז טאַקע נישט מער ווי אַ לעגענדע...

. . . אַזוי זיינען אויפ'ן אַלגעמיינעם קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין יאָר 1930 געווען פאַרטראָטן 450 טויזנט נישט־אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וואָס עס ווערט אויסמאַכן אַ גוט דריטל פון אַלע נישט־אידישע פּראָלעטאַריער, ווען פון אידן זיינען געווען פאַרטראָטן נאָר 40 טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס עס ווערט אויסמאַכן בערך צוועלף פּראָצענט פון אַלע אידישע פּראָ־לעטאַריער".

וואָס פאַר אַ ציפער איר זאָלט נישט נעמען אין דער דאָ־זיגער ציטאַטע, יעדע פון זיי, אַחוץ דער ציפער 40,000 פּראָפע־סיאָנעל אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער, — איז פשוט אויסגע־זויגן פון פינגער!

מיר האָבן פאַר זיך די אָפיציעלע באַריכטן פון דער צענ־טראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען וועגן דער צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין אירע פאַריינען. אָט זיינען די ציפערן פאַר די יאָרן 1929—1933:

אין יאָר 1929 — 241,531 מיטגלידער.
אין יאָר 1930 — 230,886 מיטגלידער.
אין יאָר 1931 — 207,606 מיטגלידער.
אין יאָר 1932 — 214,333 מיטגלידער.
אין יאָר 1933 — 245,103 מיטגלידער.

פאַר'ן יאָר 1934 זיינען קיין ענדגילטיגע ציפערן נאָך נישטאָ, אָבער מען דערוואַרט, אַז זי וועט זיין עטוואָס נידעריגער, איידער די ציפער פאַר 1933.

אַלזאָ, אין יאָר 1930 האָט די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער אין די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען (נישט־אידישע און אי־דישע צוזאַמען) אויסגעמאַכט 230 טויזנט. פון וואַנען־זשע האָט לעשצינסקי גענומען די פאַנטאַסטישע ציפער 450 טויזנט נישט־אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע?!

און אויב די ציפער פון 450 טויזנט איז פאנטאסטיש (און פאנטאסטיש איז אויך די ציפער פון 350 טויזנט אידישע פראלעטאריער אין פוילן), דאן איז קלאר, אז אלע חשבונות, וועלכע עס מאכט לעשצינסקי, און אלע זיינע אויספירן לגבי דער אידישער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין פוילן, זיינען נישט מער, ווי בייזוויליגער אומזין!

230 טויזנט פראפעסיאנעלע ארגאניזירטע ארבעטער און אנגעשטעלטע אין גאנץ פוילן. רעכנט אראפ די 40,000 אידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע, בלייבט — 190 טויזנט נישט־אידישע. רעכנט אראפ 70 טויזנט אייזנבאן־ארבעטער, און דאן מינימום נאך א 30 טויזנט ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואס זיינען באשעפטיגט אין אנדערע מלוכה'שע אדער קאמונאלע אונטערנעמונגען, בלייבט — ניינציג טויזנט נישט־אידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער פריוואטער אינדוסטריע און האנדל און ארבעטן דער עיקר אין דער גרויס־אינדוסטריע, וואו עס איז לייכטער צו ארגאניזירן, אנטקעגן — פערציג טויזנט אידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט איבער א קאלאסאלער צאל קליינע און מיטעלע ווארשטאטן.

און פנים אל פנים מיט אזעלכע ציפערן פרואווט עס לעשצינסקי, אויף צופיקעניש דעם „בונד", „צעשטערן די לעגענדע", אז די אידישע ארבעטער זיינען מער געווערקשאפטלאך ארגאניזירט, איידער די נישט־אידישע!

לעשצינסקי באנוגנט זיך נישט מיט כאראקטעריזירן די פאליטישע און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע פון „בונד": כדי צו באקרעפטיגן די טעזע וועגן דער „ירידה" פון „בונד", האט ער זיך אויך אפגעשטעלט אויף דער ארבעט פון „בונד" אויפ'ן קאאפעראטיוון געביט און אויף דער קולטור־ארבעט פון „בונד". דאס, וואס ער דערלויבט זיך צו שרייבן וועגן אונזער קולטור־אנשטאלט, ד. ה. — פריער פאר אלץ וועגן דעם אידיש־וועלטלאכן שול־וועזן אין פוילן — שטייגט באמת איבער אלץ:

„די קולטור־אנשטאלטן זשיפען קוים ביי אן איבערמענשלאכן הונגער פון די פירער פון די אנשטאלטן, ביי

איבערמענשלאכע אַנשטרענגונגען פון די קליינע גרופּקעס איבערגעגעבענע פריינט און חסידים, אָבער ביי אַ שרעק־לאכער קאַלטקייט און אָפּט פיינטשאַפט פון ברייטע קרייזן פון דער אידישער געזעלשאַפט".

דער „נאַציאָנאַלער קעמפער" יעקב לעשצינסקי, וואָס וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר ווייטאָגן צו ווייניג מיט דער אידישער פראַגע, האָט נישט געפונען קיין איין צאַרנדיג וואָרט וועגן די נגישות אַן אַ שיעור וועלכע עס האָבן אויסצושטיין די קולטור־אַנשטאַלטן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין פוילן. דער כלל־ישראל־פּאָליטיקער יעקב לעשצינסקי האָט נישט געפונען קיין איין האַרב וואָרט פאַר די אַלע „נאַציאָנאַלע" אידישע „דעמאָקראַטן", וואָס קוקן זיך צו „מיט קאַלטקייט און אָפּט מיט פיינטשאַפט", ווי עס דאַנגלט זיך פאַר זיין קיום דאָס אידישע שול־וועזן — אַפילו פון די נגישות געגן אונזער שול און פון דער פאַרברעכערישער האַלטונג פון אידישן בירגערטום לגבי די קולטור־באַדערפנישן פון דער אידישער מאַסע, האָט יעקב לעשצינסקי באַוויזן אויס־צושמידן אַן „אַרגומענט" געגן „בונד"!

אַזוי קאָן האַנדלען טאַקע נאָר אַ „געוועזענער"...

* * *

לעשצינסקי באַרירט, פאַרשטייט זיך, אויך די פּאָליטישע פראַגן, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף אונזער צוזאַמענ־פאָר: אינטערנאַציאָנאַל, „רעכט" און „לינק", „דיקטאַטור" און ענלאכעס. דאָס, וואָס לעשצינסקי האָט וועגן אָט די פראַגן צו זאָגן די לעזער פון „פאָרווערטס", שטייט פולשטענדיג אויף דעם „ניוואָ" פון אַ ד. שוב אָדער אַפילו פון אַן אב. קאַהאַן (לעש־צינסקי אַסימילירט זיך). איבער דעם טייל פון זיינע אויס־פירונגען קאָנען מיר רואיג אַריבערגיין צום טאָג־אָרדנונג. אָבער באַלד כאַפּט זיך לעשצינסקי אַרויף אויף זיין „פערדל" — דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָ ווערן מיר געוואָר ממש סענ־סאַציאָנעלע זאַכן.

מיר ווערן געוואָר דהינו, אַז דער רעפערענט וועגן דער אידישער פראַגע האָט געשאַפן אויף אונזער צוזאַמענפאָר אַ

„גוואַלטיגע צעמישונג (!) און אַן אומדערוואַרטעטע סיטואַ־ציע (!); אַז מיר האָבן „פּשוט מורא געהאַט (!) צו שטעלן די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם", ווייל דאַן וואָלטן מיר דערזען אין אונזער פּראָגראַם מורא׳דיגע „לעכער" און „אָפּגרונטן". און ווען מיר האָבן די פראַגע סוף כל סוף פּאַרט אַוועקגעשטעלט האָט זיך טאַקע „ארויסגעוויזן", אַז „מ׳האָט זיך פּלוצים צערעדט אויפ׳ן צוזאַמענפאַר וועגן דער טראַגישער לאַגע פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, וועגן זיין אָרגאַנישער אָפּ־הענגיגקייט פונים שיקזאַל פון אידישן פאָלק"...

און לעשצינסקי טריאומפירט: דאָס אַלץ, זאָגט ער, „איז אַ סימן, אַז דאָס לעבן איז אַ גוטער וועקער", אויב ער האָט באַוויזן „אויפצואוועקן" אַפילו די פירער פון „בונד", וואָס זיינען זייט 40 יאָר „איינגעוויגט" אין שלאָף.

מוזן מיר אָנטאָן צער דעם הער לעשצינסקי און אים זאָגן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער שרייבט דאָ, איז אין דער זעלביגער מאָס פאַנטאַסטיש", ווי זיינע ציפערן און חשבונות. מיר האָבן נישט געדאַרפט וואַרטן ביז אונזער 6טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, כדי צו דערזען און „זיך צערעדן" וועגן דער טראַגישער לאַגע פון די אידישע מאַסן. ווי ביטער די דאָזיגע לאַגע איז, ווייסט קיינער נישט אַזוי גוט, ווי מיר, וואָס לעבן אָן אויפהער צווישן און מיט די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

אָבער „וויטאָגן" מיט דער אידישער פראַגע הייסט נישט, לויט אונזערע השגות — פּרעגלען זיך אין אידישלאַכקייט, צוטראַכטן באַבסקע רפואות, קוויטשען מיט היסטערישע קולות, געגן ווען „מ׳מעג", און האַלטן פּחדנות׳דיג דאָס „נאַציאָ־נאַלע" מויל גראָד דאָרט און דאַן, וואו און ווען מ׳דאַרף יאָ אויפהויבן דאָס קול; „וויטאָגן מיט דער אידן־פראַגע" הייסט פאַר אונז — פאָרמולירן די נויטן פון דער אידישער מאַסע און פירן פאַר די דאָזיגע נויטן אַ קאַמף.

און מיר האָבן דעם שטאָלצן באַוואוסטזיין, אַז ווער עס וויל און קאָן זיין אָביעקטיוו, דער מוז אַנערקענען, אַז אויב עס איז פאַראַן אין דער אידישער געזעלשאַפט פון פוילן עמיץ, וואָס מאָנט הויך, מוטיג און ביי יעדער געלעגנהייט סאָציאַלע

די „צוקונפטיסטן" שטייען אַרום דעם טויטן קערפּער פון זייער פירער, אַבראַשאַ ווײַנער,
געשטאָרבן אין מאַי, 1935.

און נאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט פאַר די אידישע מאַסן, איז דאָס — דער „בונד" און נאָר דער „בונד".

מיר ווייסן, אַז די קלעפּ, וואָס פאַלן אויף די אידישע פאָלקס־מאַסן, טרעפן — אין אַ שוואַכערע פאָרם — אויך אַנ־דערע שיכטן פון אידישן פאָלק, די, צווישן וועלכע עס געפינען זיך יעקב לעשצינסקי׳ס הייזטיגע פריינט. אָבער די דאָזיגע קרייזן בוקן זיך הכנעה׳דיג פאַר די, וואָס זיינען שולדיג, אין דער טראַגעדיע פון דער אידישער מאַסע, און העלפן פאַרשטאַרקן זייער ממשלה. און דעריבער איז דאָס איינציגע, וואָס „פאַר־בינדט" אונז היינט, ווי ביז אַהער, מיט די דאָזיגע קרייזן — אַ געפיל פון טיפער פאַראַכטונג.

אין דעם נאַציאָנאַליסטישן געפילדער, וואָס האָט פאַר־הילכט אין די לעצטע יאָרן די אידישע גאַס, האָבן מיר — יעדער איינער באַזונדער און אַלע צוזאַמען — נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל באַטראַכט, ארומגערעדט און — פאַרוואָרפן די אַלע רפואות, מיט וועלכע די ציוניסטישע און אַנדערע זנאַכערס ווילן היילן די צרות פון דער אידישער מאַסע. און נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל האָבן מיר זיך יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען באַקרעפטיגט אין דער איבערצייגונג, אַז קיין אַנדער וועג, ווי דער, וועלכן ס׳האָט אָנגעצייכנט אונזער פּאַרטיי, איז — נישטאָ.

דאָס אַזוי גערופענע „לעבן" (דאָס מאָל מיינט דאָס צו זאָגן — היטלער) האָט אונז נישט „אויפגעוועקט". און נאָך ווייניגער איז דאָס אימשטאַנד צו טאָן דאָס וואָרט פון אַזאַ צעטומלטן און פאַרלוירענעם באַלעבעסל, ווי יעקב לעשצינסקי איז היינט.

* * *

און צום סוף — אַ פּאָר זייטיגע ווערטער.

עס איז שוין געווען פאַר די לעצטע יאָרן אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס" נישט איין בייסיגע, נישט איין גאַליגע ארויס־טרעטונג געגן „בונד" אין פּוילן — אַזוינס, ווי לעשצינסקיס אַרטיקל, איז נאָך נישט געווען. מיט עטלאַכע טעג שפּעטער האָט אַב. קאַהאַן אונטערגעטראָגן זיינע לעזער זיין געווינלאַכע

פּאַרציע באַלעבאַטישער סיעטשקע וועגן דער בעלגישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועגן „לינק" און „רעכט" א. א. וו. (וועגן דעם „ניוואַ" פון אַרטיקל קאָן זאָגן למשל עדות אַזאַ טיפזיניגער „גדאַנק": „די רעכטע גענאָסן פון בעלגיע, ווי אַלע רעכטע, זיינען נישט קיין נאַראָנים"). נוצט אַב. קאַהאַן אויס די געלעגנהייט, כדי פון זיין זייט אַ קאָפּע צו טאָן דעם „בונד". די חוצפּה'דיגקייט פון זיין טאָן האָט ער אין אַ גרויסער מאָס צו „פּאַרדאַנקען" לעשצינסקי'ן, פּונקט ווי לעשצינסקי האָט זיין טאָן אין אַ גרויסער מאָס צו „פּאַרדאַנקען" קאַהאַנען.

אָבער עס גייט נישט וועגן קאַהאַנען און נישט וועגן די פון זיינע מיטאַרבעטער, וועלכע ער האָט דאָס רעכט צו באַטראַכטן פאַר זיינע „באָיעס": מיט אַב. קאַהאַנען האָבן מיר אונזערע חשבונות לאַנג אָפּגעשלאָסן. עס גייט אונז וועגן די אידישע סאָציאַליסטן פון אַמעריקע.

נישט איינער פון אונז איז געווען אין אַמעריקע און האָט אין שליחות פון דער פּאַרטיי אין דער לענג און אין דער ברייט אויסגעמאָסטן דאָס דאָזיגע לאַנד. מיר האָבן געפונען דאָרט אָן אַ שיעור האַרציגע, איבערגעגעבענע פריינט פון אונזער באַוועגונג. אָבער נישט דאָס איז דאָס וויכטיגסטע: מיר האָבן געטראָפן אָן אַ שיעור טייערע, איבערגעגעבענע, אמת'ע סאָציאַליסטן. אָן אונטערשייד פון ריכטונג. און מיר ווייסן, וואָס זיי טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פון „פּאָרווערטס".

די פראַגע — „פּאָרווערטס" איז פאַר זיי — אַן אָפענע וואונד. אַ טייל רעדן וועגן איר מיט ווייטאָג, אַ טייל — מיט פאַרקריצטע ציין, אַנדערע שווין בלויז — מיט אַ וויץ.

ווייל — עס איז נישט קיין פראַגע וועגן אַזאַ אָדער אַן אַנדער באַציאונג צום „בונד". עס איז אַפילו נישט קיין פראַגע וועגן „רעכט" און „לינק". עס גייט וועגן דעם ספּעציפישן „פּאָרווערטס"-צוגאַנג צו יעדער באַדייטנדיגער פּראָבלעם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער פון אידישן לעבן. עס גייט וועגן דער חתימה פון האָפנונגסלאָזער וואולגאַרקייט, וועלכע דער לייטער פון „פּאָרווערטס" האָט „באַוויזן" אַרויפצולייגן אויף דער דאָזיגער צייטונג.

נעמט די פראגע ראטן־פארבאנד: איר קאָנט אדורכבלע־טערן דעם וואלד פון בירגערלאכע צייטונגען פון דער גאָרער וועלט — איר וועט נישט געפינען קיין מער אָדער ווייניגער אָנשטענדיג קאפיטאליסטיש בלאט, וואָס זאָל אזוי שרייבן וועגן ראטן־פארבאנד, ווי דער „פאָרווערטס״.

נעמט די פראגע ציוניזם: אין קיין שום מער אָדער ווייניגער אָנשטענדיגער ציוניסטישער צייטונג וועט איר נישט געפינען אזא קריטיקלאָזע באציאונג צום ציוניזם, אזא גרייטקייט צו אקצעפטירן אינ׳ם ציוניזם אלץ, אפילו דאָס רעאקציאָנער־סטע, ווי — אין „פאָרווערטס״.

אָדער, זיינע באריכטן וועגן די אינטערנאציאָנאלע סאָ־ציאליסטישע קאָנגרעסן: אזא וואולגארע פארפלאכונג, אזא אומאָנשטענדיגקייט לגבי די וויטאָגדיגסטע פראָבלעמען פון דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג וועט איר זעלטן גע־פינען ביי די אויסגעשפראָכנסטע שונאים פון סאָציאליזם.

און אזוי אויף טריט און שריט.

דאָס זעען, דאָס פילן די בעסטע צווישן די אידישע סאָ־ציאליסטן אויף יענער זייט ים. און זיי פארשטייען, וואָס פארא באדייטונג עס וואָלט געהאט פאר דער גאנצער ארבעטער־בא־וועגונג פון אמעריקע, ווען דער „פאָרווערטס״ וואָלט געווען אנדערש, ווי ער איז.

און מיר פרעגן: ווי אזוי דולדן דעם איצטיגן צושטאנד די אויפריכטיגע אידישע סאָציאליסטן פון אמעריקע? ווי אזוי דערלאָזן זיי דערצו, אז די צייטונג, וואָס וואָלט געקאָנט גרוים מאכן די סאָציאליסטישע אידייע אויף דער אידישער גאס, זאָל סיסטעמאטיש ארונטערדרייסן איר אָנזען? ווי אזוי קאָן עס געמאָלט זיין, אז אלע גוטע און געטרייע אידישע סאָציאליסטן פון אמעריקע זאָלן נישט זיין אימשטאנד ארויפצוצווינגען זייער שטעמפל אויף דער גרעסטער אידישער ארבעטער־צייטונג פון גאָר דער וועלט?

ר. אבראמאָוויטש:

דער „בונד" אין פוילן

ס'איז ממש אַ שאָד, וואָס גענאָסע לעשצינסקי האָט זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל וועגן פּוילישן בונד אין „פאָרווערטס" פון דעם 28טן מערץ פאַרדאָרבן דורך אַן איבערמאָס פון ניט־יושר'דיגן און ניט באַרעכטיגטן קריטיציזם.

איך וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגן, אַז דעם פּוילישן בונד טאָר מען אָדער דאַרף מען ניט קריטיקירן. איך אַליין בין מיט די פירער פון פּוילישן בונד זייער אָפט ניט מסכים אין וויכטיגע פּאָליטישע פראַגן, און איך האָב אין דעם אָרגאַן, וועלכן איך האָב אַרויסגעגעבן אין בערלין („אונזער גדאַנק"), אַ אַליין פּאָלעמיזירט געגן בונד, אי געדרוקט אַ גרינטלאַכן קריטישן אַרטיקל פון גענאָסע ליבמאַן־הערש. אָבער קריטיק און קריטיק איז ניט גליַיך. קריטיק, בפרט ווען זי איז געווענדעט געגן אַ ברודער־פּאַרטיי, אָדער אַ טייל פון דער אייגענער באַוועגונג, דאַרף זיין אָביעקטיוו. זי טאָר ניט פאַרשוויַיגן קיין פאַקטן, זי טאָר ניט לאָזן אין אַ זייט מאָטיוון, וואָס דערקלערן אָדער אַנט־שולדיגן געוויסע פעלערן. און קודם כל: די קריטיק דאַרף זיין געווענדעט ניט אויף קליינינגקייטן, נאָר זי דאַרף זיך קאָנצענ־טרירן אַרום דער וויכטיגסטער צענטראַל־פּראָבלעם. ליידער אַנטשפּרעכט די קריטיק פון גענאָסע לעשצינסקי ניט די דער־מאָנטע פאָדערונגען.

פריער פאַר אַלץ די סטאַטיסטיק. גענאָסע לעשצינסקי איז אַן אַלטער סטאַטיסטיקער. פאַר אים ווערט יעדע זאַך נאָר דאַן קלאָר, ווען ער דריקט איר אויס אין ציפערן און טאַבעלעס. איך האָב אַליין אויך ליב ציפערן. און איך צווייפל קיין מינוט

ניט, אַז די ציפערן, וואָס לעשצינסקי ברענגט אין זיין אַרטיקל וועגן דער צאָל שטימען, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין די וואַלן צום לעצטן בונדישן צוזאַמענפאָר, זיינען ריכטיג. אָבער ניט געקוקט אויף זייער ריכטיגקייט זיינען זיי דאָך פאַלש, ווייל זיי זיינען ניט פולשטענדיג, ווייל לעשצינסקי גיט ניט דעם ריכטיגן מאַסשטאַב אויף אָפּצומעסטן און אָפּצואָווועגן די צאָלן, וואָס ער ברענגט. און דורך דעם פאַרפירט ער דעם לייענער צו ניט ריכטיגע און פאַלשע אויספירונגען.

עס איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז די מיטגלידערשאַפט פון בונד איז טאַקע אַ קליינע אין איר אַבסאָלוטער צאָל. טאַקע, וואָס זיינען 7000 „מעמבאַרעס" פאַר אַ פאַרטיי, וואָס וויל זיין די פירנדיגע פאַרטיי פון אידישן פראָלעטאַריאַט? אָבער... ערשטנס, וואָלט מען צוליב יושר געדאַרפט צוגעבן, אַז די אָרגאַניזאַטאָריש-פּראָפּאַגאַנדיסטישע און די מאָראַליש-פּאָליטישע קראַפט פון בונד שטיצט זיך ניט נאָר אויף די 7000 דערוואַקסענע מיטגלידער, נאָר אויך אויף דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", וואָס איר מיטגלידערשאַפט איז אַרום 10,000. דאָס זעט שוין אויס אַביסל פריילאַכער, באַזונדערס ווען מען נעמט אין אַכט די יוגנט. אַ טויטע פאַרטיי, אָדער אַזאַ וואָס שטאַרבט אָפּ, האָט קיינמאָל ניט קיין יוגנט, און דער פּראָצעס פון אָפּשטאַרבן אַליין דריקט זיך מערסטנס אויס אין דעם, וואָס די באַוועגונג פאַרלירט די יוגנט.

צווייטנס, קען מען צאָלן און סטאַטיסטיקעס פון פּאָליטישע פאַרטייען קיינמאָל ניט מעסטן דורך אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, נאָר שטענדיג דורך אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע פּאָליטישע כחות און אָרגאַניזאַציעס אין דעם זעלביגן לאַנד. ווען לעשצינסקי ברענגט די „פאַרניכטנדיגע" סטאַטיסטיק פון בונד, איז ער מחויב געווען צוליב אַ ריכטיגן מאַסשטאַב ביי זיינע לייענער צו ברענגען אויך די סטאַטיסטיק פון די אַנדערע אַרבעטער-פאַרטייען אין פוילן, און דעמאָלט וואָלטן די לייענער געזען, אַז אַזאַ איינפלוסרייכע פאַרטיי ווי די פּ. פּ. ס., וואָס פאַרמעסט זיך אויף פירונג ניט נאָר פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון דער גאַנצער מלוכה, האָט געהאַט אין יאָר 1930 (לויט דעם

אָפּיציעלן באריכט צום ווינער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס 1931) גאַנצע . . . 50,000 מיטגלידער. אין דעם זעלביגן יאָר האָט דער בונד געהאַט 15,000 (און 10,000 יוגנט). פאַר די יאָרן פון קריזיס האָט זיכער אויך די פּ. פּ. ס. ווי דער בונד פאַרלאָרען אַ היפּשע צאָל מיטגלידער. און פאַרגעסט ניט, אַז פּוילישע ארבעטער רעכנט זיך אין לאַנד איבער 1,500,000, ווערנד אידישע איז פאַראַן נאָר ארום 300,000. און פּראָלעטאַריזירטע פּויערים, קליינבירגער, אינטעליגענטן זיינען צווישן די פּאָליאַקן אויך פאַראַן היפּשע מיליאָנען.

איר פאַרשטייט, גענאָסע לעשצינסקי, אַז איצט וועט דער לייענער שוין מיט אביסל אַנדערע אויגן זען די גאַנצע „קליינ־קייט” פון בונד?

און פעסטצושטעלן דאָס איז וויכטיג ניט נאָר צוליב אַב־סטראַקטן יושר. דאָס איז וויכטיג אויך צוליב יענע פּאָליטישע אויספירונגען, וואָס מיר וועלן מוזן מאַכן.

די ערשטע איז די: איר זוכט די אָנמעכטיגקייט פון בונד צו דערקלערן דורך זיין ניט רעאַליסטישן צוגאַנג צו דער ווירק־לאַכקייט, דורך זיין פּריווּווילִיגער אָדער ניט־פּרייווילִיגער „אָפּגע־ריסנקייט” פון לעבן, פון די אמת'ע אינטערעסן פון די מאַסן.

איך וויל ניט באַשטרייטן, אַז אַ היפּש ביסל אַבסטראַקטקייט און אָפּגעריסנקייט איז טאַקע פאַראַן אין דער פּאָליטיק פון פּוילישן בונד. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר.

אָט האָט איר די פּ. פּ. ס., אַ פאַרטיי, וואָס איז געוויס רעאַליסטיש, וואָס מען קען איר געוויס היסטאָריש ניט מאַכן דעם פאָרוואורף, אַז זי האָט זיך ניט צוגעהערט צו דער שטימע פון די מאַסן, אַז זי האָט ניט גענומען אין אַכט די סאָציאַלע און די נאַציאָנאַלע שטימונגען פון די קליינבירגערלאַכע פאָלקס־מאַסן א. אז. וו. דאָס איז אַ פאַרטיי, וואָס וועגן איר קען קיינער ניט זאָגן, אַז זי האָט געזינדיגט מיט לינקיזם און האָט זיך צופיל פאַרנומען מיט אַבסטראַקטע דיסקוסיעס וועגן צוקונפט־מוזיק. עס איז שווער צו געפינען אַ פאַרטיי, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַטסמעניש ווי די פּ. פּ. ס., און ווער עס צווייפלט אין דעם, זאָל דורכלייענען אין „פאָרווערטס” די באַגייסטערטע באַ־

דיכטן פון גענאָסע אַב׳ קאַהאַן וועגן דער רעדע, וואָס דער פאַר־טרעטער פון פּ. ס., ניעדזיאַלקאָווסקי, האָט געהאַלטן אויף דער פאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ. נו, און אָט די רעאַליסטישע, ניכטערע, אָפּאָרטוניסטישע, נאַציאָנאַליסטישע און מלוכה׳שע פאַרטיי האָט פּראָפּאָרציאָנעל ניט קיין גרעסערן אָר־גאַניזאַציאָנעלן איינפלוס אין איר פּראָלעטאַריאַט, ווי דער בונד אין דעם אידישן.

און לאָמיר נעמען די אידישע פּאַרטייען, למשל, די פּועלי־ציון. לעשצינסקי וואַרפט אויף דעם בונד, פאַרוואָס ער האָט „ניט גענוג געוויטאָגט און געבלוטיגט" איבער דער אידישער פראַגע. זאָל זיין, הגם דאָס איז, נעמענדיג דעם בונד היס־טאָריש, אין גאַנצן ניט ריכטיג; מיר האָבן אפשר ניט אזוי פיל געקלאָגט איבער דעם אידישן פאָלק, אָבער געוויטאָגט איבער זיינע וואונדן, געטראַכט איבער זיין צוקונפט האָבן מיר ניט ווייניגער ווי יעדע אַנדערע פּאַרטיי. נו, אָבער אין די פּועלי־ציון האָבן מיר דאָך געווים אַ פאַרטיי, וואָס האָט די אידישע פראַגע געמאַכט פאַר איר ספּעציאַליטעט, וואָס האָט קיין שום אַנדערע אינטערעסן און דאגות ניט געהאַט, וואָס האָט טאַקע אָט יענע אַנדערע לאָזונגען פון דער אידישער פראַגע, ווי דער בונד, און האָט זיי דוקא געשטעלט אין צענטער פון איר גאַנצער וועלט־אָנשויאונג און פּראָפּאַגאַנדע. נו, און ווי שטאַרק זיינען די פּועלי־ציון אין פּוילן? זיי זיינען געווען פריער גאָר אויף צרות און האָבן געהאַט קוים אַ 1,500 מיטגלידער. איצט זיינען זיי שטאַרקער געוואָרן. מען רעכנט זיי אויף 4,500—5,000. איז דאָס אַלץ נאָך ווייניגער ווי דער בונד, און ביי אַלע וואַלן באַקומט זי פיל, פיל ווייניגער שטימען, ווי דער בונד.

הייסט דאָס, אַז ניט לינקיזם, ניט אַנטי־ציוניזם אַליין קענען ניט דערקלערן די צאָלמעסיגע שוואַכקייט פון בונד. הייסט דאָס, אַז ניט דער רעאַליזם פון דער פּ. ס., ניט דער ציוניזם פון די פּועלי־ציון קענען ניט גאַראַנטירן קיין צושטראָם פון מאַסן. (דער צושטראָם פון די געווויסער צאָל מענשן צו די פּועלי־ציון פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז אַ צושטראָם פון עמיגראַנטן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט סערטיפיקאַטן. דאָס

האָט דאָך אָבער קיין שום פּאָליטישן ווערט ניט: א פּאָליטישע פּאַרטיי איז דאָך ניט קיין „האַיאַס").

דער איינציגער אויספיר, וואָס מען קען יאָ מאַכן פון די ציפערן פאַר אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּוילן איז, אַז אין פּוילן איז בכלל ניטאָ קיין מאַסן־באַוועגונג פון דעם ארבעטער־קלאַס, אויסער די געווערקשאַפטן; אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דאָרט נאָך שוואַך אָרגאַניזירט, און אַז די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון דעם דאָזיגן לאַנד זיינען ניט מסוגל צו שאַפן דעם באָדן פאַר א מעכטיגע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דער ריינסטער אמת, געווים. אָבער דאָס איז שוין א פּראָבלעם ניט פון בונד, דאָס איז א פּראָבלעם פון פּוילן.

* * *

און א צווייטן אויספיר וואָלט מען געקאָנט מאַכן ספּעציעל בנוגע דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט: נעמלאָך, אַז עס איז ביז איצט נאָך אין ערגעץ ניט געשאַפן געוואָרן קיין אמת'ע מאַסן־פּאַרטיי פון אידישע ארבעטער. און אָט דאָס איז פאַר אונז טאַקע די וויכטיגסטע פראַגע. וואָרום אויך אין אַמעריקע האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די אידישע ארבעטער, ניט געקוקט אויף זייער קאָלאָסאַלער צאָל אין לאַנד, ניט געקאָנט קיינמאָל דערגרייכן קיין גרויסע צאָל מיטגלידער, ניט דאַן ווען זי איז געווען „לינק", ניט דאַן, ווען זי איז געוואָרן „רעכט".

אין דער אמת'ן איז דאָס אַן אַלטער, אַלטער שטרייט צווישן אונז בונדיסטן און גענאָסע לעשצינסקי, דעם אַלטן טעריטאָריאַליסט. וויפיל רעפעראַטן און לעקציעס האָב איך אין מיין לעבן געמוזט ווידמען אָט דעם דאָזיגן שטרייט! ווען איך בין געווען אין אַמעריקע מיט 27 יאָר צוריק, האָב איך א היפּשן טייל פון מיינע לעקציעס אויף אידישע טעמעס פאַרנומען מיט קאַמף געגן די „עס־עס" און ספּעציעל געגן די טעאָריעס פון יעקב לעשצינסקי.

איך וויל איצט ניט אויפפרישן די אַלטע דיסקוסיע. איך רעכן, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן קען מען האָבן דעם מוט צו באַציען

זיך קריטיש און אָביעקטיוו צו די אייגענע אָנשוויאונגען און פעלערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, און איך האָב שוין ניט איין מאָל אין נעגנווארט פון לעשצינסקי'ן (למשל, אויף דעם 35 יעריגן יובילייִ פון בונד אין בערלין) צוגעגעבן, אַז אין פרט פון דעטאַלירטער באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער עקאָנאָמיק זיינען די „עס־עס" געווען בעסער באַהאַוונט איידער מיר, בונ־דיסטן. און די אומנאָדמאַלקייט פון דער אידישער עקאָנאָ־מישער אנטוויקלונג האָבן זיי אויך ריכטיגער אָפּגעשאַצט ווי מיר. און פונדעסטוועגן האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע:

די „עס־עס" און אַנדערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּעס, וואָס האָבן געהאַט אַ בעסערע און גענויערע באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער ווירקלאַכקייט, וואָס האָבן ברייטער פאַר אונז גע־שטעלט די אידיש־נאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס זייערע אָנשוויאונגען האָבן פיל מער אַפּעלירט צו די ברייטע אידישע מאַסן, בפרט די קליינבירגערלאַכע — זיינען קיינמאָל ניט געוואָרן קיין מאַסן־פּאַרטייען און האָבן קיינמאָל ניט באַקומען קיין גרויסן איינפלוס אויף דעם פּאָליטישן לעבן פון די אידישע מאַסן, שוין ניט גערנדיג וועגן די אַרבעטער.

פאַרקערט, דער בונד, דער שמאָלער, דער מאַרקסיסטישער, דער קלאַסן־אויסגעהאַלטענער, דער ריין־פּראָלעטאַרישער, מיט אַ „שוואַכער" נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, מיט די האַלב־אַסימילירטע פירער, וואָס זעלטן ווער פון זיי האָט געקאָנט אַ וואָרט העב־רעאיש — ער איז יאָ געוואָרן אַ מאַסן־קראַפט, אַ פירער פון די ברייטע מאַסן, און זיין איינפלוס איז געווען אַ גוואַלדיגער: דאָס גיט דאַך צו לעשצינסקי אַליין, ווען ער רעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט.

ווי אַזוי דערקלערט לעשצינסקי אָט דעם מערקווירדיגן פאַקט? און דערקלערן איִם איז נויטיג. וואָרום ווען מיר ווילן פאַרשטיין די באַזונדערקייטן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג צווישן די אידן, מוזן מיר ניט נאָר באַשרייבן ווי אַזוי זי זעט אויס (און זי זעט אויס אין פּוילן, למשל, גאָר ניט פריילאַך), נאָר אויך פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? עס איז ניט גענוג צו ווייזן

אויף די פעלערן פון בונד, מען מוז אויך פאַרשטיין און דער־קלערן, פאַרוואָס ער מאַכט די דאָזיגע פעלערן.

דער בונד האָט געזיגט איבער דעם „פּראָלעטאַרישן ציוניזם", הגם דער לעצטער איז אין פילע פּרטים געווען מער גערעכט איידער דער בונד, דערפאַר וואָס דער בונד איז געווען אַ פּאָ־ליטישע באַוועגונג, אין דער צייט ווען די „עס־עס" און „יע־עס" זיינען געווען קליינלאַך אויף צו שטודירן די אידישע פראַגע און אויף צו קלאָגן איבער דעם אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק. עס איז ניט נאָר פּסיכאָלאָגיש, נאָר אויך פּאָליטיש אוממעגלאַך, אַז אַ פירערין אין אַ פּאָליטישן קאַמף זאָל ווערן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויפגעבויט גייסטיג און אידייאיש אויף אַ פּעסימיס־טישער פאַרשטעלונג וועגן דער צוקונפט פון דער באַוועגונג. דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם און דער ציוניזם בכלל איז אָבער געווען העכסט פּעסימיסטיש אין זיין טעאָריע און אַלגעמיינעם באַגריף וועגן גורל פון אידנטום. פאַרקערט, דער בונד איז געווען אָפּטימיסטיש, ער האָט אויפריכטיג געגלויבט אין דער רעוואָלוציע און אין דעם נוצן וואָס די רעוואָלוציע וועט ברענגען דעם אידישן פאָלק. ער האָט געקאָנט מיט אויפריכטיגן און ערלאַכן פּאַטאָס פירן די מאַסן צום קאַמף. און די מאַסן האָבן אַ פיינעם אינסטינקט פאַר אַזעלכע זאַכן. זיי פאַרשטייען ווייניג וואָס טעאָריעס, אָבער זייער אינסטינקט און זייער חוש איז כמעט שטענדיג אַ ריכטיגער. און ער האָט זיי געשטויסן צום בונד.

* * *

גוט, — וועט לעשצינסקי זאָגן, — אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָס אפשר געווען אַזוי. אפשר זיינען אין דער דאַמאָלסט־דיגער צייט רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס געווען נוצלאַך פאַר דעם אוממיטלבאַרן ערפאָלג פון דער באַוועגונג. אָבער דאָס זיינען פאָרט געווען אילוזיעס, און איצט זעט דאָך אפילו אַ בלינדער, אַז דאָס זיינען געווען אילוזיעס. „דער גורל פון די אידן ווערט אַלץ מער אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער אַנטוויקלונג פון די אַרומיגע פעלקער". „דער אָרגאַנישער צוזאַמענהעפטקייט מיט

דעם ארומינן לעבן האָט אויפגעהערט". „די גרויסע צאָל דע־קלאַסירטע ביי די אידן, די אויסזיכטלאָזיגקייט פון דער אידישער אינטעליגענץ, די פאַר'יתום'קייט פון די אידישע מאַסן און זייער מאַכטלאָזיגקייט, די טויבע ווענט פון ארום, וואָס ווערן אַלץ ברייטער"... — דאָס איז איצט די לאַגע פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין מזרח־אייראָפּע.

גענאָסע לעשצינסקי וועט מיר אנטשולדיגן: דאָס טרויעריגע בילד וואָס ער האָט געגעבן, איז ניט ניי. זאָל ער אַ קוק טאָן אין זיינע אייגענע ביכער פון 1905, זאָל ער נאָך אַמאָל דורכ־לייענען פינסקער'ס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" פון יאָר 1881 — וועט ער זיך איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ וואָס ער שרייבט איצט איז ניט מער ווי צום טויזנטסטן מאָל איבערגע'חזר'ט דאָס אַלטע קלאָג־ליד, וואָס מיר האָבן געהערט פון אים אַליין; פון די ציוניסטן; פון די פינסקעריסטן, וואָס זיינען ביז צו די טיפענישן פון זייער נשמה דערשיטערט געוואָרן דורך די פּאָ־גראָמען פון די אַכציגער יאָרן; פון אַלע, וואָס האָבן אַ פּעסי־מיסטישן קוק אויף דער צוקונפט פון אידישן פאָלק.

איך האָב וויניג צוטרוי צו לעשצינסקי'ן אַלס פּאָליטיקער און סאָציאַלן נביא. ער איז צופיל שטימונגס־מענש, כדי צו זיין אַ פאַרלעסלאַכער פּאָליטישער טוער. אָבער איך וועל בעסער נעמען לעשצינסקי דעם סטאַטיסטיקער, צו וועמען איך האָב יאָ אַ גרויסן צוטרוי, און דער סטאַטיסטיקער לעשצינסקי האָט אָנגעשריבן פאַר'ן פראָבע־העפט פון דער „אַלגעמיינער ענצי־קלאָפּעדיע" אַ העכסט באַלערנדן איבערבליק איבער דער אידי־שער דעמאָגראַפיע אין 19טן יאָרהונדערט. ער זאָגט דאָרטן בוכשטעבלאך: „אַזאַ מין וואוקס אין צאָל האָט דאָס אידישע פאָלק אין זיין געשיכטע קיינמאָל ניט געהאַט" (ז. 33).

און ער באווייזט דאָס מיט אינטערעסאַנטע ציפערן. עס ווייזט זיך ארויס, אַז די צאָל אידן אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך פאַר די 105 יאָר (פון 1825 ביז 1930) פאַרגרעסערט פון 2—3 מיליאָן ביז כמעט 16 מיליאָן, ד. ה. אין פינף מאָל. און פאַר די 50 יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען פון דער צייט, ווען פינסקער און די ערשטע ציוניסטן האָבן געפריידיגט זייער

פעסימיסטישע תורה וועגן דעם פיזישן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק, וועגן זיין אומ־פאַרמיידלאַכער דעגראַדאַציע און אויסראָטונג, איז די צאָל אידן פאַרגרעסערט געוואָרן פון ארום 8 מיליאָן ביז 16. איז דאָס איז אַ בילד פון דעגראַדאַציע און אונטערגאַנג? אַ נייער קאָלאָסאַלער ישוב אין אמעריקע איז אויפגעקומען פאַר דער צייט, מיליאָנען האָבן אויסגעוואַנדערט פון דער אַלטער היים, אָבער דאָך געפינען זיך היינט אין איירָאָפּע, ד. ה. דער עיקר אין מזרח־איירָאָפּע. ארום 10 מיליאָן אידן. אָבער אפשר איז דאָס אַ פאַרמערונג לויט דעם אינדישן אָדער כינעזישן שטייגער? אַ פאַרמערונג אין צאָל, ביי אַ שטענדיגן באַרג־אראָפּ אין עקאָ־נאָמישן, קולטורעלן און סאָציאַלן מצב? איז דאָס אידישע פאָלק פאַר דער צייט אפשר געזונקען טיפער און טיפער אין אָרימקייט, רעכטלאָזיגקייט, האָפנונגסלאָזיגקייט? זאָגן אַזוינס וואָלט געהייסן פעלשן די געשיכטע. פאַר די לעצטע 50—60 יאָר איז דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער, רעכטלאַכער און קול־טורעלער צושטאַנד פון די אידישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט און אפילו אין מזרח־איירָאָפּע ארויף אויף אַ מדרגה, וואָס איז פריער קיינמאָל ניט דערגרייכט געוואָרן. און דאָס אַלץ ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן געווים ניט אויסגעפעלט, ניט געקוקט אויף אַלע ווידערשטאַנדן, וואָס זיי האָבן געמוזט גובר זיין.

היינט וואָס האָט זיך, היסטאָריש גענומען, ארויסגעוויזן פאַר פאַלש: די פעסימיסטישע אָדער די אָפּטימיסטישע אויפ־פאַסונג אין דער אידישער געשיכטע? עס קען קיין פראַגע ניט זיין, אַז געזיגט, ד. ה. ארויסגעוויזן זיך פאַר ריכטיג, האָט אין אַלגעמיין די אָפּטימיסטישע שיטה. און צו איר האָט געהערט דער בונד.

הייסט דאָס, אַז די וואונדן, אויף וועלכע עס האָבן אָנגע־וויזן די פינסקעריסטן, די ציוניסטן, די לעשצינסקים זיינען ניט געוועזן? הייסט עס, אַז די אידן האָבן זיך ניט געפונען אין אַ טראַגישער לאַגע? ניין, דאָס איז אַלץ געווען ריכטיג. און הייסט עס, אַז דאָס בילד וואָס לעשצינסקי מאָלט אין זיין

איצטיגן אַרטיקל וועגן דעם צושטאַנד פון די אידן אין פּוילן, איז אַ פאַלשע? בשום אופן ניט. יעדער וואָרט איז אמת. אַלע עלעמענטן זיינען ריכטיג אָנגעוויזן. אָבער פון ריכטיגע עלעמענטן קען מען צוזאַמענבויען פאַלשע טעאָריעס, פּונקט אַזוי ווי פון די רעדעלאַך פון אַ זייגער קאָן איינער מאַכן אַ זייגער, וואָס זאָל גיין, און דער צווייטער וועט שאַפן אַ מעכאַניזם, וואָס וועט ניט אַרבעטן. דוכט זיך די זעלביגע רעדעלאַך, און איין זייגער גייט יאָ, דער אַנדערער ניט.

* * *

אַט אַזוי איז מיט לעשצינסקי'ן: פון ריכטיגע רעדעלאַך מאַכט ער שלעכטע זייגערס, וואָס ווייזן ניט די ריכטיגע פּאָליטישע צייט. און זיין עיקר־פעלער איז, אַז ער איז רק איבערצייגט, אַז ערגעץ־וואו איז פאַראַן אַ „באַזונדערע לייזונג" פון דער אידישער פראַגע. דאָס איז ניט ציוניזם אין געוויינלאַכן זין פון וואָרט. (אויף וויפיל איך וויים, איז לעשצינסקי ביז איצט נאָך ניט געוואָרן קיין ציוניסט, הגם ציון אימפּאָנירט אים). דאָס איז עפּעס אַ באַזונדערע זאַך, וואָס מען האָט נאָך ביז איצט ניט אויסגעפונען. ער דערמאָנט מיר אָן די מענשן, וואָס זיינען איבערצייגט, אַז אין זייער גאָרטן איז פאַרגראָבן אַ באַהאַלטענער אוצר. מען דאַרף גראָבן די ערד און זוכן, זוכן.

נאָר גראָבן די ערד, זוכנדיג דעם „אוצר", איז אַ ריכטיגע באַשעפטיגונג און אַ ריכטיגע טאַקטיק. ווער עס טוט דאָס ניט, זינדיגט נעגן זיין פאָלק. ווער עס טוט דאָס ניט, קען ניט האָבן קיין גרויסע און שטאַרקע מאַסן־פּאַרטיי, „ער זונדערט זיך אָפּ פון פאָלק".

דער אמת איז אָבער, אַז יענער אוצר, וועלכן לעשצינסקי זוכט, איז גאָר ניט פאַראַן. ס'איז ניטאָ קיין שום לייזונג פון דער אידישער פראַגע, וואָס זאָל אָראָפּנעמען די פּראָבלעמען פון גלות. דער גלות איז דאָ, דער גלות וועט בלייבן פאַר דעם רוב בנין, רוב מנין פון אידישן פאָלק, וואָס מיר זאָלן ניט דענקען וועגן דעם ציוניזם. ניט איך דאַרף דאָס דערציילן דעם סטאַטיסטיקער לעשטשינסקי. און אויב דאָס איז אַזוי (און דאָס איז

אזוי), היינט וואָס העלפן אַלע אויסגעשרייען און היסטעריקעס? אַט שרייט לעשצינסקי און קלאָגט, און „גראָבט די ערד" אין דעם גאָרטן פון אידישן פאָלק אַ משך פון 30 יאָר, און איך האָב עפּעס אַלץ ניט געהערט, אַז ער זאָל האָבן אויסגעפונען אַט די „אַנדערע לייזונג" פון אידישן גלות. די אידישע פראַגע וועט געלייזט ווערן אין די לענדער פון גלות (און אין זיי וועלן שטענדיג לעבן 90 פּראָצענט פון אַלע אידן) נאָר צו גלייכער צייט מיט די פּראָבלעמען פון די ארומיגע פעלקער, ד. ה. דורך סאָציאַליזם. דאָס איז אַ היסטאָרישער געזעץ, וועלכן קיינער קען ניט ענדערן און אָפּשאַפן.

היינט פאַרוואָס באַשולדיגט לעשצינסקי דעם בונד? אַי, ער מיינט, אַז עס וועט נאָך אויסקומען צו האָבן צו טאָן מיט דער אידישער פראַגע אַפילו „נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע?" — זאָל זיין אַזוי. אָבער וואָס איז די איילעניש שוין גלייך איצט צוליב דעם קריגן זיך מיט'ן בונד? ביז צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז דאָך נאָך דאָ אַביסל צייט. ניט שוין־זשע באַלאַנגט אויך דער רעאַל־פּאָליטיקער לעשצינסקי צו יענע פאַנטאַזיאָרן און סעקטאַנטן, וואָס שלאָגן זיך צוליב אַבסטראַקטע, ווייטע און אומרעאַלע פראַגן? אויב אַזוי, איז מיט וואָס איז ער בעסער פאַר די פירער פון בונד?

ניין, ס'איז אַן אמת'ער עגמת נפש, וואָס לעשצינסקי איז ארויסגעטראָטן מיט אַזאַ קריטיק פון בונד.